צעהנטע אויפלאגע.

מאטקע חב"ד

אָדער

וויטצע איבער וויטצע.

180 שעהנע וויטצען אין ריין זשאַרגאָן.

פּרייז, 5 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

די היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

122־128 לעאָנאַרד סט., ברוקלין, נויאָרק.

תרס"ג.

צעהנטע אויפלאגע.

מאטקע חב״ד

אָדער

וויטצע איבער וויטצע.

180 שעהנע וויטצען אין ריין זשאַרגאָן.

פּרייז, 5 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

122־128 לעאָנאַרד סט., ברוקלין, נויאָרק.

תרס״ג.

269

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/moeabadoderitsei00unse

רעם סדר
אונטערן /

1. אשנײדער אלמן ·

אשנײדערשער יונג האט שבועות צו קידוש געזאגט „זמן חרותנו„ · געפֿרעגט האט מען אים — געראבער יונג אײנער! — האט אויף אים דער בעל הבית אנגעשריען — מילא פסח זאגט מען „זמן חרותינו„ עסט מען חאטש חרוסת, אבער וואס איז היינט פאר אחרותנו אויף דײן משוגענע קאפּ?

2) אריכטיגער װארט ·

מאטיל איז אמאהל ארײן געקומען צוא אװילנער גביר; גײענדיג צוריק, האט ער זיך אוים געגליטשט און איז אראפּ געפאלן פאהן אלע טרעפּ; מען איז מסתמא ארויס געלאפֿן פאהן שטוב זעהן, וואס האט דא אזא קלאפּ געטאהן · זעהן זײא · אז מאטיל שטײט אונטערן טרעפּ; וואס איז דאס דא געװען? פרעגן זײא פּײ איהם, — נאהר נישט! נאהר נישט! — האט ער זײ געענטפערט, — מײן פוטער איז אראפּ געפאלן פאהן דיא טרעפּ; און וואס האט דא אזא קלאפּ געטאהן? פרעגן זײא בײא איהם; פערשטײט איהר — האט ער זײ געענטפערט, — װײל איך בין געלעגען אין פוטער ·

3) דער גרויסער שארפֿזיניגער ·

אמײדיל איז געקומען צום חסידישען רבין מיט אשאלה, דאס מען האט ארײן געשמעקט אמילכיגע לעפּיל אין אפליישיגען טעפּיל · דער רבי האט אדויף געזאגט דיא היטעל בין פאטילניצע און האט אנגיפאנגען אזא דרשה „אמילכיגע לעפּיל אין אמילכיגען טעפּיל, אפילו מען זאהל ארײן שטעקן, איז אויך כשר; אמילכיגע לעפּיל אין אפליישיגען טעפּיל, אז מען זאהל נים ארײן שטעקן איז דאך אויך כשר; אפליישיגע לעפּיל אין אפליישיגען טעפּל, אפילו מען זאהל ארײן שטעקן איז דאך אויך כשר; אפליישיגע לעפּיל אין אמילכיגען טעפּיל, אז מען זאהל נים ארײן שטעקן, איז דאך אויך כשר; נוא! ראכט זיך, אז דיא גאנצע תורה און די גאנצע קומדוות האב איך דיר שוין דא אוים געדעבינט, נאהר וואס האט דא בײ דיר גימאראפּן, אז מען האט ארײן געשטעקט אמילכיגע לעפּיל אין אפליישיגען טעפּיל, דאס װעט שוין דער מתנגדישער רב אויך וויסען·

4) אויסין הויט.

איינער איז אריין צום צוויטין, און האט איהם געפונען ווייא ער שיילט אהעריננ, "אום נאמעס ווילען! — האט זיך דער ערשטער אפ גערופען — פער שליסט וואס ניכער די טיהר, דען אלס איהר וועט איהם ענדיגען שיילין, וועט ער אויסין הויט אנטלויפען".

5) אנווילדער למדן.

בייא אשניידער — וועלכער האט זיך ניהאלטען פאר אגרויסען למדן — איז ניפרעגט גיוואהרען: וואס איז דער טייטש "משליך קרחו כפתים" וואס ווייסט איהר דא ניט — האט דער שניידער געענטפערט מיט גאוה: "משליך איז זיך משליך, און קרחו איז — כפתים".

6) אגרייז אין דער תורה.

גראבע יונגען האבען זיך אמאהל איזבונטעוועט: וואס איז דאס עפעס! — האבין זייא געזאגט — מיר האבין אין שוהל קיין שום צורה ניכט — די בעסטע עליות, און די שענסטע כבודים, ניט מען אוועק דעם למדן, אדער דעם גביר, און אונז רעכינט מען נאהר פאר קיין מענטשין ניט; זיי האבין זיך אלזא בעשלאסין, אז זייא זאלין זיך מאכין, נאר אבעזונדערע שוהל, און דער פאר וועט זיך בייא זייא אין שוהל קיין למדן ניט מארען איינגיפינען; ויהי היום האט זייער "קורא" גיפונען אגרייז אין דער תורה, וואס איז? "קבתי בארך שמיין" — זאגט דער קורא — מיט א כ"ף. און עס שטייט נאהר מיט א "חית" — ווען אזויא האבין זיך דיא חברה אפ גערופען — אז דוא בינסט שוין אזא למדן צוא האבען אזא גרייז טאהרסט דוא זיך בייא אונז ניט איינגיפינען.

7) א שבח.

איינער האט אמאהל גיזאגט צו נאך איינעם: דו שפיעל זיך ניט מיט יענעם, א ספאס ער! ער איז פאהן דיא וואס די גמרא זאגט אויף זייא: "מלאים מצות כרמון".

8) דער סדר.

אפארציימינער ישובניק האט נים גיוואוסט, ווי אפ צו ריכטין דעם

דֶעם סֵדֶר , אוּן הָאט דַארוּם גֶעשִׁיקְט זַיין וַוייבּ , זִיא זָאהְל גֵיין בַּיין שָׁכֵן אוּנְטֶערִין פֶּענְסְטֶער , אוּן זֶעהְן וִויא עֶר טוּט , אוּן זִיא זָאל אִיהְם נַאכְהֶער אִיבֶּער גֶעבִּין וִוי אוּן וָואס ; דִיא וַוייבּ אִיז אַוֶועק צוּם שָׁכֵן אוּנְטֶערִין פֶּענְסְטֶער אוּן הָאט גִיזֶעהְן וִויא עֶר שְׁלָאגְט שְׁרֶעקְלִיךְ זַיין וַוייבּ — זִיא אִיז אַוֶועק אַהֵיים אִין הֵיילֶע שְׁרֶעק , דֶען זִיא הָאט גִימֵיינְט , אַז אַזוֹי גִיט מֶען דָאס אָפּ דֶעם סֵדֶר ; נוּא מַיין וַוייבּ — פְרֶעגְט אִיהְר דֶער מַאן — אַלְס זִיא אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען — וָואס הָאסְט דוּ דָארְטִין גֶעזֶעהְן ? זִיא שְׁוַויינְט אָבֶּער אוּן הָאט מוֹרָא אוּים צוּא זָאגֶען ; דָא אִיז דֶער יִשׁוּבְנִיק גֶעוָואהְרֶען שְׁטַארְק אִין כַּעַס אוּן הָאט אִיר דֶער לַאנְגְט אַפָּאר גוּטֶע פֶּעטְשׁ ; נוּא אַז דוּא ווֵייסְט שׁוֹין — הָאט זִיךְ דִיא יִשׁוּבְנִיצֶע אָפּ גִירוּפִין וַויינֶענְדִיג — טָא וָואס פְרֶעגְסְטוּ ?

9) אַ קְלוּגֶער וָוארְט .

מָאטִיל הָאט גִיבֶּעטִין בַּייא אַ גְבִיר פִינְף רוּבִּיל אוּן דֶער פַאר וֶועט עֶר אַרָאפּ שְׁלֶעפִּין דִיא זוּנְן ; דֶער גְבִיר הָאט אִיהְם בַּאלְד גִיגֶעבִּין דָאס גֶעלְד , הָאט מָאטִיל גֶעהֵייסִין מֶען זָאל אִיהְם בְּרֵיינְגֶען אַטִישִׁיל מִיט אַקָאטְשֶׁערֶע , אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיף גִישְׁטֶעלְט אוֹיפִין טִישִׁיל אוּן הָאט אוֹיפְגִיהֵייבִּין דִיא קָאטְשֶׁערֶע אִין דֶער הוֹיךְ , אוּן הָאט גִיקוּקְט אוֹיפִין הִימִיל , אוּן אַלְס דֶער גְבִיר הָאט אִיהְם גִיפְרֶעגְט , וָואהְרוּם עֶר שְׁלֶעפְּט שׁוֹין נִיט אַרָאפּ דִיא זוּנְן , הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט : „זַיינְט אַזוֹי גוּט , נַאטְ אַייךְ דִי קָאטְשֶׁערֶע , אוּן צֶעפֶּעט נָאהְר אָן , אָן דִיא זוּנְן , אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין נַאכְהֶער אַרָאפּ צִיהֶען" .

10) דֶער גְרַאף מִיטֶען דִינֶער .

דֶער גְרַאף ב. הָאט אַמָאהְל פֶער זָאגְט זַיין דִינֶער , אַז עֶר זָאהְל אִיהְם אוֹיף וֶועקִין פִינְף אוּהְר צוּא מִיטָאג ; זַייעֶר גוּט — הָאט דֶער דִינֶער אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיהְר וֶועט אַזוֹי גוּט זַיין דַאן אָנְקְלִינְגֶען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַבִּיין קוּמֶען , אוּן אַייךְ אוֹיף וֶועקִין" .

11) דִיא חַלָה .

דִיא פַּרְנָסֵי־הֳדָשִׁים , הָאבִּין אַמָאל גִישִׁיקְט דֶעם „מְשָׁרֵת־הַקָהָל" אַז עֶר זָאהְל אַרָאפּ נֶעהְמֶען בַּיי מָאטְלֶען דִיא שַׁבָּת־לַייכְטֶער — פַאר אַ אַבְּצָאהְלוּנְג , וֶועלְכֶע מָאטִיל הָאט נִיט גִיהַאט אוֹיף צוּ בֶּעצָאהְלִין — מָאטִיל הָאט גִיקוֹיפְט אחלה

אַחַלָה און הָאט דָאס גְלֵייךְ אַוֶועק גֶעטְרָאגְן אין קָהָל־שְׁטִיבְּל, וואו זֵיי זַיינֶען אַלֶע גֶיזֶעסְן אַרום אַטִיש און הָאט זֵיי דֶער לַאנְגְט דִיא חַלָה — וָואס אִיז דָאס, מָאטִיל ? פְרֶעגְן זֵיי בַּייא אִיהְם — פֶער שְׁטֵייט אִיהְר מִיךְ — הָאט עֶר זֵיי גֶיעֶנְטְפֶערְט — בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב גֶעמְט אַלֶע שַׁבָּת אַרָאפּ דִיא לַייכְטֶער, דֶער סְטָארָאזְשׁ פוּן תּוּיף, גִיבּ אִיךְ אִיהְם אַ „הַמוֹצִיא חַלָה" אָבֶּער פַאר אַזוֹי פִיל סְטְרֶעזֶער . . . וָואס וֶועט דָאס זַיינֶען אַיין „הַמוֹצִיא" ? דְרוּם הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָא גֶעבְּרַאכְט אַגַאנְצֶע חַלָה.

12) עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע.

וָוארוּם טָאהְר אַ אַלְטֶע יוּדֶענֶע קֵיין פֶעטֶע זוּפּ נִיט עֶסְן ?

ענטפער: וַוייל זִיא וֶועט מֵיינֶען אַז דֶער מַלְאַךְ הַמָוֶת גֵייט צוּ אִיהְר*).

13) צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע.

פַאר וָואס קוּמְט שׁוֹין נִיט מָשִׁיחַ

ענט. : וַוייל דִיא יוּדִין אַלֵיין לֵיינְן אַלְס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, דְהַיינוּ: פֶּסַח צוּם סֵדֶר זָאגְן מִיר : „לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם !" ד.ה. אַז אִיבֶּער אַיָאר פֶּסַח זָאהְל שׁוֹין קוּמֶען מָשִׁיחַ, און נַאכְהֶער אִין אַהַאלְבּ יָאהְר אַרוּם צוּ נְעִילָה זָאגְן מִיר ווייטער: „לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם" לֵיינְן מִיר שׁוֹין וַוייטֶער אָפּ אוֹיף אַיָאהְר, און זָא גֵייט עֶס וַוייטֶער און וַוייטֶער.

14) דְרִיטֶע פְרַאגֶע.

וָואהְרוּם רֶעדְט מֶען בַּייא יוּדִין אַשִׁידוּךְ אוּם שַׁבָּת ?

ענט. : וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קֶשֶׁר שֶׁל קַיָמָא.

15) פִיעֶרְטֶע פְרַאגֶע.

וֶוען פִילְט אַ אַלְטֶער מַאן — וָואס הָאט שׁוֹין קֵיין אֵיין צָאהְן אִין מוּנְד נִיבְט — צָאהְן שְׁמֶערְצִין.

ענט. : וֶוען אַהוּנְגֶר נִיט אִיהְם אַבִּיס.

16) פִינְפְטֶע פְרַאגֶע.

פוּן וַואנֶען וַוייסְט מֶען אַז קֹרַח מִיט זַיין סְוִויטֶע זַיינֶען גֶיוֶוען חֲסִידִים ?

*) דען דיא גמרא זאגט אז דער מלאך המות איז פולל מיט אויגין.

ווייל עס שטייט: „רב לכם בני לוי“.

17) זעקסטע פראגע.

וואהרום זאגין מיר אום סוכות זמן שמחתנו?
ענט.: ווייל דיא ווייבער זיינען ביין טיש ניט דא.

18) זיבעטע פראגע.

וואס איז דאס, וואס אלע ווינשען זיך דאס, און אז מען קריגט דאס, איז מען העכסט אונצופרידען?
ענט.: אלטע יאהרען.

19) אכטע פראגע.

פאהן וואס פאר אמלחמה זיינען אוים גיהארגעט גיוואהרען ריכטיג אפערטיל וועלט?
ענט.: פאהן פין מיט הבל'ען.

20) נייגטע פראגע.

וואהרום פאר היינגט מען דיא כלה, דיא צורה אונטערין חופה?
ענט.: כדי זיא זאהל נישט זעהן וויא מען קוילעט איהר.

21) צעהנטע פראגע.

וועלכע יודען עסען אבר מן החי?
ענט.: דיא וואבערניקעס.

22) דער רב מיטען ישובניק.

אישובניק איז גיקומען צום רב פרעגין, אויב ער מעג מאכין ביער אויף פסח? גיין! מען טאהר ניט — האט איהם דער רב גיענטפערט: איך פערשטייא דאס גאהר ניט — האט זיך דער ישובניק אפ גירופין — דאכט זיך איך האב אלע כלים דער צוא גייע, טא וואו שטייט דאס, אז מען טאהר ניט? אין דער הגדה

שטייט

שְׁטֵיים דָאךְ — הָאט אִים דָער רַב גִיעֶנְטְפֶערְט, אַז „אַלֶע בִּיעֶר חָמֵץ — „עַל בִּיעוּר חָמֵץ" .

23) רייבְּט אוּן שְׁוַויינְט .

מָאטִיל הָאט אַמָאהְל גִינוּמֶען אַפָּרוּשׁ אוֹיף וֶועטְשֶׁערֶע, עֶר הָאט זִיךְ אִיהְם גִיהֵייסְין גֵיין וַואשְׁין, אוּן אַלְס דֶער פָּרוּשׁ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט בַּיין טִישׁ, הָאט מָאטִיל דֶער לַאנְגְט אַ קֶעסְטִיל שְׁוֶועבֶּעלַאךְ, זָאגֶענְדִיג דָאבֵּייא צוּא אִיהְם : „רַייבְּט אוּן שְׁוַויינְט" !

24) אַחָכְמָה פוּן אַחָכָם .

צוּא ר' אמ"ד הָאט זִיךְ אַיינְגֶענַאדְזֶעט אַבֶּעטְלֶער — וָואס בֶּעט אוֹיף חֲתוּנוֹת — אוּן וַוייל עֶר הָאט גוּט גִיוואוּסְט אַז ר' אמ"ד וֶועט אוֹיף חֲתוּנָה נִיט גֵיין, פְּלֶעגְט עֶר אִיהְם דַוְקָא בֶּעטְין, אוֹיף אַלֶע חֲתוּנוֹת, נוּהְר אוּם צוּ בֶּעקוּמֶען בַּייא אִיהְם עֶטְלִיכֶע קָאפֵּייקֶען פַּארְין בֶּעטְין, ר' א"מ הָאט זִיךְ אָבֶּער אַעֶצָה גִיגֶעבְּין וִויא פוּן אִים פָּטוּר צוּ וֶוערְין, דֶען אַלְס עֶר אִיז אַמָאהְל גֶעקוּמֶען צוּא אִיהְם, אִיהְם בֶּעטְין אוֹיף אַחֲתוּנָה, הָאט עֶר אִיהְם גִיגֶעבְּין אַגִילְדֶען, אוּן בֶּעט בַּייא אִיהְם אוּים גָאבּ, „אִיךְ הָאבּ נִיט" — זָאגְט דֶער בֶּעטְלֶער צוּ אִיהְם — נוּא טָא גֵייט אוּן בַּייט אָפּ, — הָאט אִיהְם ר' א"מ גִיהֵייסְין — דָער בֶּעטְלֶער אִיז ארוּים, אוּן אִיז שׁוֹין מֶעהְר צוּ אִיהְם נִיט גֶעקוּמֶען .

25) שְׁמֶערִיל אוּן פֵּייטִיל .

שְׁמֶערִיל : וָואס אִיז דִיא מַעֲשֶׂה מִיט דִיר פֵּייטִיל, וָואס דוּא שְׁרַייסְט נִיט „חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם !" ?

פֵּייטִיל : אַי ! וָואס פַאר אַנַאר דוּא בִּיזְסְט ; פְּרִיעֶר בִּין אִיךְ גִיוֶוען אַזַאמְד פִּירָער, אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ אַיוּד אַגָנִיד, אוּן אַ גבְּאַי אִין שׁוּהְל .

26) אַוָוארְט פוּן אַבֶּעטְלֶער .

אַבֶּעטְלֶער הָאט דֶער לַאנְגְט אֵיינֶעם אַגְבִיר פִּיער חֲתוּנָה־קַארְטֶס אוֹיף אַיין מָאהְל ; „אוֹיף וֶועלְכֶע זָאהְל אִיךְ פְּרִיעֶר גֵיין ?" — פְּרֶעגְט אִים דָער נָגִיד — גֵייט אוֹיף אַלֶע פִּיר !" — הָאט אִיהְם דֶער בֶּעטְלֶער גִיעֶנְטְפֶערְט .

דער

27) דֶער גֶעטְץ בּיין רַב .

אַגֶעוויסֶער סוֹחֵר משֶׁה גֶעטְץ הָאט גִיהַאט אַדִין תּוֹרָה מִיט נָאךְ אֵיינִיגֶע סוֹחֲרִים , און וויא דֶער שְׁטֵיינֶער איז פָאהְן אוּנְזֶערֶע יוּדִין , הָאבֶּען זִיךְ דִיא בַּעֲלֵי דִינִים צוּא שְׁלָאגִין בַּיין רַב אִין שְׁטוּבּ , אוֹיף דֶעם הָאט אֵיינֶער גִיזָאגְט : „מַה דָאךְ , אַז בַּיין רַב אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען אָנְגֶעשְׁלָאגִין אַ גֶעטְץ , טָא וָואס זָאהְלִין שׁוין אַלֶע יוּדען טָאהְן ? “

28) דֶער פְרַאנְצֶאזִישֶׁער אָפִיצִיער .

אַפְרַאנְצֶאזִישֶׁער אָפִיצִיער , וָוערֶדע פְלֶעגְט אַלֶע מָאהְל , — וָוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ וֶועטִין מִיט נָאךְ אֵיינֶעם — גֶעווינֶען דֶעם וֶועט ; אַיין מָאהְל , אַלְס מֶען הָאט אִיהְם נַאזְנַאצֶעט אִין אַ 2—טִין פָאלְק , הָאט אִיהְם זַיין נַייעֶר גֶענֶערַאל גִיפְרֶעגְט , צוּא דָאס אִיז אֱמֶת , וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִיהְם , אַז עֶר וֶוערְט קַיין מָאהְל קַיין גֶעוֶועט נִיט אָן ?

— יַא מַיין הֶערְר , — הָאט אִיהְם וָורֶעדֶע גִיעֶנְטְפֶערְט .

— און וויא אַזוֹי קֶען דָאס גֶעבִּין ?

— וַוייל אִיךְ קֶען חָכְמַת־הַפַּרְצוּף .

— נוּא , און וָואס זֶעהְסְט דוּא אוֹיף מִיר ? — הָאט אִיהְם דֶער גֶענֶערַאל גִיפְרֶעגְט .

— אִיךְ זֶעה אוֹיף דִיר — הָאט אִיהְם וָורֶעדֶע גִיעֶנְטְפֶערְט — אַז דִיא וואוּנְדֶען , וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט גֶעקְרָאגִין אִין דֶער מִלְחָמָה , הָאבִּין זִיךְ יֶעצְט אָפּ גֶעפְרִישְׁט , און דוּא לַיידֶעסְט שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמֶערְצִין דַאפָאהְן .

— וֶוער , אִיךְ ? הָאט דֶער גֶענֶערַאל פֶערְוואוּנְדֶערְט גִיפְרֶעגְט — אִיךְ פֶערְוואוּנְדֶעט ? . . . עֶס אִיז אַבְּלוֹיזֶער לִיגֶענְד .

— אָבֶּער . . .

— און אִיךְ זָאג , הָאט דֶער גֶענֶערַאל אִיבֶּער גֶעשְׁלָאגִין זַיינֶע רַייד — אַז אִיךְ בִּין קַיין מָאהְל פֶערְוואוּנְדֶעט נִיט גֶעוֶוען , און יֶעצְט גֶעווֹיס נִיט , אַלְזָא לָאמִיר זִיךְ וֶועטִין .

— אִין וִויפִיעל ? פְרֶעגְט וָורֶעדֶע .

— אִין פִינְף הוּנְדֶערְט פְרַאנְק .

— זָאל זַיין אַזוֹיא .

זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעוֶועט , און דֶער גֶענֶעראל הָאט אִיהְם צוּרִיק גֶעפִירְט

גֶעפִּיהְרְט אִין אַבְּעזוּנְדֶערִין צִימֶער, אוּן הָאט זִיךְ אוֹיס גִיטָאן מוּטֶער נַאקֶעט, אוּם דָאס וְורֶעדֶע זָאהְל זֶעהְן, אַז עֶר הָאט פֶער שְׁפִּיעלְט דֶעם וֶועט.

— „נוּא! וְורֶעדֶע אָנְגֶעוָואהְרֶען! — הָאט דֶער גֶענֶעַראל טְרִיאוּמְפְּפִירֶענְד אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן —

— יַא, מַיין הֶערְר אִיךְ הָאבּ פֶער שְׁפִּיעלְט.

גְלַייךְ דַארוֹיף הָאט דֶער גֶענֶעראַל אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף צוּא וְורֶעדֶעס עֶרְשְׁטִין גֶענֶעַראל, אִין דֶעם בְּרִיעף שְׁרַייבְּט עֶר אִיהְם: אַז בַּייא אִיהְם הָאט שׁוֹין וְורֶעדֶע נִיט גֶעוואוּנֶען; נָאהְר וִויא פֶער וואוּנְדֶערְט אִיז עֶר גִיוָואהְרֶען, עֶרְהַאלְטֶענְדִיג צוּרִיק אַ עֶנְטְפֶער מִיט דֶעם אִינְהַאלְט; „לִיבֶּער פְרַיינְד! מִיט גְרוֹיס וואוּנְדֶער הָאבּ אִיךְ דַיין בְּרִיף גִילֶעזִין, דֶען אֵיידֶער וְורֶעדֶע אִיז אַוֶועק פָאהְן מִיר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוֶועט מִיט מִיר אִין 2 טוֹיזֶענְד פְּרַאנְק, אַז עֶר וֶועט דִיר גֵייטְן זִיךְ אוֹיס צוּא טָאהְן פַאר אִיהְם מוּטֶער נַאקֶעט, זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז עֶר הָאט יֶעצְט אָן גֶעוָואהְרֶען פִינְף הוּנְדֶערְט פְרַאנְק, הָאט עֶר אָבֶּער בַּייא מִיר גֶעוואוּנֶען 2 טוֹיזֶענְד פְּרַאנְק.

29) אַקְלוּגֶער דִינֶער.

וְאַלְס בַּייא דֶעם גְרַאף ט. אִיז גִיוֶועזֶען אַגְרוֹיס אַרְטִינֶער בַּאלְל, הָאט זִיךְ אַלִיכְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּא שְׁמֶעלְצִין, דֶער גְרַאף הָאט גֶעשִׁיקְט אַרַיין רוּפֶען דֶעם דִינֶער, אוּם דָאס עֶר זָאל אָפּ שְׁנַייצִין דֶעם קְנוֹיט, אַרוֹיס גֵייעֶנְדִיג פָאהְן זַאל הָאט זִיךְ דֶער דִינֶער שְׁרֶעקְלִיךְ פוּנַ׳אנְדֶער גֶעלַאכְט זָאגֶענְדִיג דַאבַּאיי: „אַזַא שְׁטוּב מִיט מֶענְטְשִׁין, אוּן קֵיינֶער קֶען אַלִיכְט נִיט אָפּ שְׁנַייצִין"

30) נִיט קֵיין הִיגֶער

אִיךְ פֶער שְׁטֵייא נָאר נִישְׁט — הָאט אֵיינֶער גִיזָאגְט צוּ נָאךְ אֵיינֶעם — עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין הַאלְבּ חוֹדֶש, אוּן דִיא לְבָנָה אִיז נָאךְ נִיט דָא? וָואס פְרֶעגְט אִיהְר בַּייא מִיר — הָאט יֶענֶער גִיעֶנְטְפֶערְט — „אִיךְ בִּין נִיט קֵיין הִיגֶער".

31) נִיכְט פֶערְלָארֶען.

אַסְאמְרָאז הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיין קַאפִּיטַאן: „אִיז אֵיינֶע זַאכֶע פֶערלארֶען

פֶערְלָארֶען וֶוען מֶען וֵוייס וואו זיא אִיז?״ נֵיין ! — זָאגְט דָער קַאפִּיטַאן — „נוא, וֶוען זָא ? עֶנְטְפֶערְט דֶער מַאטְרָאז — אִיזְט אוּנְזֶער טְהֶעֶעקַאנְן נִיכְט פֶערְלָארֶען דָען זיא לִיגְט אוֹיפֶען גְרוּנְד פָאהְן מֶעֶער״.

32) אַזֶעלְטֶעגֶע קְלָלָה.

גְוַואלְד ! וָואס טוּהְט מֶען ? הָאט אַיין מַארְק יוּדֶענֶע גֶעזָאגְט צוּא דִיא צְוֵוייטֶע, דִיא מַייז הָאבֶען צוּא שְׁלֶעפְּט בַּייא מִיר אֶפְשַׁר אַשָׁאק עֶפֶּעל — אַזוֹיא פִּיעל יָאהְר זָאהְלֶען זַייא לִיגֶען אִין הֶקְדֵשׁ, וְויא פִּיעל זַייא הָאבֶען בַּייא מִיר מֶעהְרֶער צוּא שְׁלֶעפְּט וְויא אַשָׁאק״ — הָאט אִיהְר דִיא צְוֵוייטֶע גִיעֶנְטְפֶערְט.

33 אַנַואזְשְׁנֶע חֲתֻנָּה.

עֶס אִיז עֶפֶּעס גֶעוֶוען דָארְטִין אַשֵׁיינֶע חֲתֻנָּה ? — הָאט אֵיינֶער בַּייא נָאךְ אֵיינֶעם גִיפְרֶעגְט — סְטַייטְשׁ ! אַחֲתֻנָּה — הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶס אִיז גִיוֶוען טִישׁ אוּן בֵּיינְק וְויא הָאלְץ — מַיִם אַחֲרוֹנִים — וְויא וַואסֶער — פִּישׁ אוּן פְלֵיישׁ — „עַיִן לֹא רָאֲתָה״.

34 אַ עֶנְטְפֶער פָאהְן אַ פְּיַאנִיצֶע.

וְויא קֶענְסְט דוּא דָאס טְרִינְקֶען אַזוֹיא פִּיעל בְּרַאנְפְּין ? — הָאט מֶען גִיפְרֶעגְט בַּייא אַפְּיַאנִיצֶע — פַאר שְׁטַייט אִיהְר—הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט — וְויא אִיךְ נֶעם אַגוּטֶען שְׁנַאפְּס, וֶוער אִיךְ גָאהְר אַ אַנְדֶער מֶענְשׁ, נוא, דָער אַנְדֶערֶער מֶענְשׁ דַארְף דָאךְ אוֹיךְ מאכֶען אַשְׁנַאפְּס.

35) אַקֶעכִין _ אַ עֶנְגֶעל.

— מַאמַא ! — הָאט אַקִינְד גֶעפְרֶעגְט בַּייא דִיא מוּטֶער — וָואס אִיז דָאס אַמַלְאַךְ ?

— אַעֶנְגֶעל הָאט אִיהְם דִיא מוּטֶער גִיעֶנְטְפֶערְט.

— אוּן וואו גֶעפִינְט זִיךְ אַ עֶנְגֶעל ?

— אִין הִימֶעל, מַיין זָאהְן.

— יֶע ! — הָאט דָאס קִינְד גִיעֶנְטְפֶערְט — אַז דָער פַּאפַּא קוּשְׁט אוּנְזֶער קֶעכִין, רוּפְט עֶר אִיהְר אוֹיךְ : „מַיין עֶנְגֶעל״.

36) אַוָואָרְט פוּן אַ אָרֶעמַאן.

„אִיהְר גִיט מִיר אַ נְדָבָה צוּא נִיט ? — הָאט אַ אָרֶעמַאן גִיזָאגְט צוּא אַ נָגִיד — אַז נִיט וֶועט אִיהְר עֶרְגֶער מַאכֶען״ וָואס קֶענְט אִיהְר מִיר טָאהְן, וֶוען אִיךְ וֶועל אַייךְ נִיט גֶעבִּין ? פְרֶעגְט אִיהְם דֶער נָגִיד — פֶער שְׁטֵייט אִיהְר — הָאט אִיהְם דֶער אָרֶעמַאן גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ בִּין דָאךְ דֶעם דַלוּתֶ׳ס אַשְׁלִיחַ; אִיז אוֹיב אִיהְר וֶועט מִיר נִיט גֶעבִּין, וֶועל אִיךְ שִׁיקֶען דֶעם דַלוּת אַלֵיין צוּ אַייךְ.

37) דֶער גַנָב.

מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא אֵיינֶעם: פַאר וָואס נֶעמְט עֶר אַפֵּסָר אִין הַאנְד נִיט אַרַיין ?״ הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ בִּין אַמָאהְל גִיוֶועסִין (אִין טְפִּוּרְמַא) אִיבֶּער אַפֵּסָר אָי! מִיר נִיט גוּט גֶעוָוְאהְרֶען״.

38) אוּנְטֶער דיא אוֹיגֶען.

מָאטִילִס וַוייבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּא קָהָל מַסוֹרֶ׳ען אוֹיף מָאטֶלֶען: אַז עֶר הָאט אִיהְר גֶעשְׁלָאגֶען מַכּוֹת אַכְזָרִיוֹת, אוּן הָאט אִיהְר אוּנְטֶער גִישְׁלָאגֶין דִיא אוֹיגְין; קָהָל הָאבִּין גְלֵייךְ גֶעשִׁיקְט רוּפֶען מָאטֶלֶען, אוּן הָאבְּען אִיהְם גִיפְרֶעגְט: וָואהְרוּם שְׁלָאגְט עֶר זַיין וַוייבּ ? אִיךְ פֶּער שְׁטֶעה דָאס נָאהְר נִיט — הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גֶערוּפִין — אַז זִיא אִיז אַזֵייגֶערְקֶע, בִּין אִיךְ דָאךְ אַזֵייגֶער, נוּא, אַז עֶס קוּמְט דִיא שָׁעָה שְׁלָאג אִיךְ. אָבֶער, וָואס הָאסְט דוּא אִיהְר נָאךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁלָאגְין, אוּנְטֶער דִי אוֹגִין פְּרֶעגִין אִיהְם קָהָל — „אוּנְטֶער דִיא אוֹיגִין מֶעג אִיךְ אֲפִילוּ דֶעם רַב אוֹיךְ שְׁלָאגֶען״ — הָאט זִייא מָאטִיל גִיעֶנְטְפֶערְט.

39) דֶער רַבִּי מִיטֶען מַלְאַךְ הַמָוֶת.

אַ חָסִיד אִיז גִיקוּמֶען צוּם רַבִּין, אוּן הָאט אִיהְם עֶרְצֵיילְט אַז זַיין וַוייבּ אִיז גִיפֶערְלַאךְ קְרַאנְק; „גֵייא אַהֵיים — הָאט אִיהְם דֶער רַבִּי גִיזָאגְט — זִיא וֶועט זַיין גִיזוּנְד״; אָבּ אַפָּר טֶעג אַרוּם, קוּמְט דֶער זֶעלְבִּיגֶער וַוייטֶער צוּם רַבִּין, אוּן זָאגְט: „רַבִּי, מַיין וַוייבּ אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבֶּען״ קֵיינְט וואו זֵייגֶען אֵייעֶרע רֵייד ? אִיךְ בִּין אִין דֶעם נָאהְר נִיט שׁוּלְדִיג — הָאט

איהם

איהם דער רבּי , גיענטפּערט — איך האָב זיך גיראַנגעלט מיטען מלאך המות , און האָב צוא גינומען בייא איהם דעם שווערד , נור , ער האָט דאָס נאָהר ניט גיהערט , און האָט איהר דער שטיקט מיט דיא הענד , נוא בין איך עפּעס שולדיג ?

40) אַקלוגער וואָרט .

אין דייטשלאַנד אויף אַ באַל איז גיזעסין אַ פאַר בערענטער אַנטי־סעמיט אין טיש , און האָט אויס גירעדט אויף יודען דיא נאַל , אַנטקעגין איהם איז געזעסין אַ יודישע מאַדאַם , און אַלס זיא האָט גראָד יענמאָלט אַגעגעץ גיטאָהן , האָט ער זיך אָפּגירופען מיט אַגעלעכטער : איהר זעהט , דאָס דיא יודין — האָט יעצט גיעפּינט אַמויל מיר אַיינצושלינגען״ . ״איהר איהרט זיך מיין הער — האָט זיא איהם גיענטפּערט : ווייסין זיא דען ניכט , אַז אונז איז פאָר באָטען שווייגען פלייש צוא שלינגען .

41) אַ רבּי׳ס אַוואָרט .

מען האָט גיפרעגט בייא איין חסידישען רבּי׳ן פאָהן וואַנען ווייסין מיר אַז עס דאַרף זיין „קידוש במקום סעודה ?״ ווייל עס שטייט — האָט דער רבּי גיענטפּערט — „את הכבש אחד״ און כב״ש מאַכט קידוש במקום סעודה״.

42) מה נשתנה .

אַגעוויסער יודישער גילעהרטער האָט געזאָגט : „בייא יודען איז שוין אַזויא איינגעוואָהנט , אַז עס זאָהל אין קיין זאַך , קיין שום סדר ניט זיין — איז דער פאַר , אַז עס קומט פּסח , און מען דער זעהט עפּעס פאָרט אַשטיקעלע סדר . . . פרעגט מען גלייך דיא קלאָץ קשיא : „מה נשתנה?״.

43) דיא קלוגע כּלה .

דוא נאַר איינע ! — האָט אַמוטער גיטרייסט איהר טאָכטער בשעת חופּה — וואָס וויינסט דוא ? אַמאַן איז דאָך ניט קיין בער . וויא איז גיוען אַז איך האָב חתנה געהאַט מיטען טאַטען ? — אַזויא

האָט

— חָאט זִיךְ דִיא כַּלָּה אָפּ גֶערוּפֶען — הָאסְט דוּא דָאךְ חֲתֻנָה גֶעהַאט מִיטֶען טַאטְין, און אִיךְ הָאבּ יֶעצְט חֲתֻנָה גָאהְר מִיט אַפְּרֶעמְדִין מַאנְסְבִּילְד״.

44) נִיט קַיין אֵייגֶענֶע הָאאר.

בַּייא אַ סוֹחֵר — בַּייא וֶועלְכִין עֶס אִיז גֶעוֶוען אַפִּילוּ קָאפְּף מִיט פֶּעדֶערִין אָן גִישְׁטֶעקְט — אִיז גִיפְרֶעגְט גֶעוָואהֶרֶען: וָואהְרוּם קַאמְט עֶר זִיךְ נִיט אוֹיס דִיא הָאאר — פַאר שְׁטֵייט אִיהְר — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט — „אִיךְ בִּין אַזַא בַּעַל־חוֹב אַז דִיא הָאאר פָאהְן קָאפְּף זַיינֶען נִיט מַיינֶע, הַיינְט נָאךְ וָואס זָאהְל אִיךְ קַאמֶען פְרֶעמְדֶע הָאאר״.

45) אַנוַאנְשֶׁנֶע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת.

אַחָסִיד, קַלְמָן, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רַבִּי׳ן, זָאגְט דֶער רַבִּי צוּ אִיהְם: „מַיין קִינְד טְהוּא תְּשׁוּבָה״, פַאר וָואס, רַבִּי? פְרֶעגְט אִיהְם דֶער חָסִיד; וַוייל „קַלְמָן״ — עֶנְטְפֶערְט אִיהְם דֶער רַבִּי — מַאכְט אִין רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: „כִּ*זַבְנוּ, לַ*צְנוּ, מָ*רַדְנוּ, נִ*אַצְנוּ״, סְטַאיטְשׁ, רַבִּי׳ן זָאגְט דֶער חָסִיד — „קַלְמָן״ אִיז דָאךְ גָאהְר מִיט אַקוּ״ף, און „כִּזַבְנוּ״ אִיז מִיט אַכָּ״ף; פֶער שְׁטֵייסְט דוּא מִיךְ מַיין קִינְד — הָאט אִיהְם דֶער רַבִּי גִיעֶנְטְפֶערְט — רַשִׁ״י זָאגְט אִין אָן הֵייבּ פ׳ חַיֵּי שָׂרָה: „בַּת ק׳ כְּבַת כ׳״ דָאס הֵייסְט, אַז אַ ק׳ מִיט אַ כ׳ אִיז אַלְס אֵיינְס.

46) אַבַּייסֶענְדֶער וָוארְט.

אִין אַגְרוֹיס אַרְטִיגֶען גֶעזֶעלֶענְשַׁאפְט, אִיז גִיפִיהְרְט גֶעוָואהֶרֶען אַדִיסְפּוּט וֶועגִין תַּלְמוּד: דֶער תַּלְמוּד אִיז נָאךְ מַיינֶער מֵיינוּנְג נָאךְ — הָאט זִיךְ אַפְרַיילִין אָפּ גֶערוּפֶען — גִיזְשֶׁע קְרִיטִיקִי *); און וָואהְרוּם — חָאט אִיהְר אַיוּנְגֶער הֶערְר גֶעפְרֶעגְט — „וַוייל אִין דָעם תַּלְמוּד וֶוערְט גֶעשְׁפְּרָאכֶען, און עֶס אִיז זָאגַאר דָא זַאגֶען וֶועגֶען שֵׁדִים און גֶעשְׁפֶּענְסְטֶען (מֵתִים) וֶועלְכֶע מִיר ווייסֶען יֶעצְט גֶעווִיס, אַז זַייא גֶעפִינֶען זִיךְ גָאהְר אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט״ — הָאט זִיא אִיהְם

ניענטפערט

*) „ביזשע קריטיקי״ הייסט; עס איז נאך נידעריגער פאהן צו קריטיקירען, און אז עס איז גאהר ניט כדאי צוא ריידען וועגען דעם. ד״ם.

גִיעֶנְטְפֶערְט — נוּא אוּן אִיהְר זֶעלְבְּסְט הָאט וֶוען גִיזֶעהְן **אוֹיף אַייעֶר** לֶעבִּין אַשֶׁר? פְּרֶעגְט אִיהְר דֶער הֶערְר — גֶעוִוים נִיט! — הָאט **זִיא** אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט — מִיר אִיז אַוואוּנְדֶער — הָאט זִיךְ דֶער הֶערְר וַוייטֶער אָפּ גֶערוּפֶען צוּ אִיהְר — אַז אִיהְר אַזַא גֶעבִּילְדֶעטֶע פְּרַיילֶען הָאט קַיין מָאהְל, אִין קַיין שְׁפִּיגֶעל גֶעקוּקְט.

47) דְרַייא מֹשֶׁה׳ם.

אֵיינֶער אַבֶּעוואוּסְטֶער גְבִיר, וֶועלְכִין מֶען הָאט גִירוּפִין מֹשֶׁה — דֶער גְבִיר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַגְרָאבֶּער מֶענְש — הָאט גֶעזָאגְט: „דְרַייא מֹשֶׁה׳ס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט: אִיךְ, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן מַיין בְּרוּדֶער חַאצְקִיל״.

48) אַתּוֹרָה וֶוערְטִיל.

דֶעם זֶעלְבִּיגֶען גְבִיר, הָאט אַמָאהְל זַיין וַוייבּ, אִיהְם דֶער לַאנְגְט עֶסֶען, אוּן הָאט אִיהְם פַאר גֶעסִין צוּא גֶעבִּין אַלֶעפִיל — „אַי! מַיין וַוייבּ — הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶערוּפֶען — דִיא מְלָכִים וֶועלֶען לַאכִין פָאהְן דִיר״, וָואס אִיז? — פְּרֶעגְט זִיא אִיהְם — עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק — הָאט עֶר אִיהְר גִיעֶנְטְפֶערְט — לֹא הִנִּיחַ לְאִישׁ לָאזְשֶׁקֶע (לְעָשְׁקָם): אַז מֶען לֵייגְט נִיט אַוֶועק דֶעם מַאן קַיין לֶעפִיל — „וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים״ חַאחָאצֶען אוֹיף דֶעם דִיא מְלָכִים.

49) אַגְבִיר אַבוּר.

דֶער זֶעלְבֶּער הָאט אַמָאהְל שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח — אַלְס מֶען הָאט גֶענוּמֶען לֵייעֶנֶען דִיא „הַפְטוֹרָה״ — אַפַּאטְשׁ גֶעטָאהְן אִין שְׁטֶענְדֶער אוּן צוּא גְלַייךְ אַגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהְן: אַךְ! נוּא! עֶס שְׁטֵייט דָאךְ: „אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח״ מֶען לֵייעֶנְט נִיט קַיין מַפְטִיר אוּם שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח״.

50) אַגֶעשְׁפְּרֶעךְ וֶועגֶען יֵצֶר הָרָע.

וָואס זָאגְסְט דוּא? — הָאט׳אֵיינֶער גִיפְרֶעגְט בַּיין צְוַייטִין וַואס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע? אַ חָסִיד צוּא אַ מִתְנַגֵּד?

— **גְעוִוים אַ חָסִיד — הָאט אִיהְם יֶענֶער גִיעֶנְטְפֶערְט.**

באר

— פאר וואס ?

— ווייל מען זעהט איהם אָפּט ביין רבי׳ן.

51) אַגרויסער פערדינער.

אַ אָרעם בחור האט זיך אָן גינעבין אין נבן. אז ער פער דינט 5 רובל אַטאג, און אַלס דער שווער האט איהם נאך דער חתונה — ניפרעגט: וואהרום גייט ער שוין ניט אַרויס פער דינען דיא 5 רובל ? האט ער איהם גיענטפערט — וואַרט, עס איז דאך נאך ניט פורים; פורים אי״ה וועל איך לייענען דיא מגלה, און וועל טראגען משלוח־מנות, וועל איך דאן פער דינען דעם טאג אפשר פינף רובל.

52) דאס געזעגענען זיך.

מאטיל איז אַמאהל אַריין צוא אַ גביר, און זאָגט צוא איהם „זיינט געזונד ר׳ ש.! איך פאהר שוין אַפּ פאהן ווילנא, אַלזא ניט מיר עפּעס אויף דער הוצאה״, איך האב יעצט קיין קליין געלט ניט ביא זיך — האט איהם דער גביר גיענטפערט — ערהערענדיג דעם ענטפער, איז מאטיל באלד אַרויס פאהן שטוב; אין אַווייל אַרום קומט ער ווידער אַריין צום גביר און זאָגט צוא איהם: ווייסט איהר ר׳ ש. איך האב מיך מישב גיוועזן אַז מיר לוינט ניט אַפּ צוא פאהרען פאן ווילנא, אַלזא זיינט שוין ניט געזונד״.

53) אַסגולה צוא ווערין יונגער.

וויא אַלט זיינען זיא ? — האט אַהערר גיפרעגט ביא אַ פריילין —זיבּענצעהן יאהר — האט זיא גיענטפערט. אין אַיאהר אַרום פרעגט ער איהר ווידער: וויא אַלט קענען זיא זיין ? זעבצעהן יאהר — האט זיא דרייסט גיענטפערט — „נוא ווען זא — האט דער הערר גיזאגט — איז צוא האפּען, דאס אין איינינע יאהר אַרום ווערען זיא אַקליינעס מאדכען ווערען״.

54) אַ אֶמת׳ער וואָרט.

אַ חסיד איז געקומען צום רבי׳ן בעטין אויף קינדער, זאָגט דער רבי צוא איהם: גייא אַהיים, איבער אַיאהר אין דער צייט וועט

דיין ווייב האבען איינגעל; אויף איבער אַיאהר, איז דער זעלבער ווידער געקומען צום רבין, און דער ציילט איהם: אז זיין ווייב האט גאר גיהאט צוויא מיידלאך מיט איין מאהל; „פער שטייסט דוא — האט איהם דער רבי גיענטפערט — איך האב געזעהען אין הימעל שטייט אנגעשריבען אז דיין ווייב וועט היינטיגעס יאהר האבען אבן, נאהר אז דער „ב״ן״ איז גיוועזען פער שטריבעלט, און האט נאהר אלזא געמאכט: ב׳ * נקיבות, דאס האב איך ניט בעמערקט״.

55) דיא מייז.

דיא מייז האבען זיך אמאהל צוא נויף גיקליבען, אום זיך א עצה צוא געבען, וויא באווארענט מען זיך מיט דיא קאטץ, איין מויז האט זיך אפ גערופען: דיא בעסטע זאך איז, אז „מען זאהל אויף הייגען ביי דיא קאטץ אויפען האלדז א גלעקיל, אום דאס מען זאהל ערהערין איהר גאנג, און דאהער וועט מען שוין גיכער אנטלויפען״, דיא עצה איז אלע מייז געפעהלין געוואהרען, נוהר עס האט זיך קייגער ניט געפונען, וועהר עס זאהל גיין „דיא קאטץ אויף הייגען דעם גלעקעל״.

דער משל קען דינען פאר אפולע מענשין.

56) דיא קליינע קיכע.

דער דייטשער קעניג קארל דער פינפטער איז געקומען צוא איינעם פאהן זיינע מיניסטארען, עס האבען זיך ביי איהם אין וואהנונג געפונען גרויסע צימערין, און גרויסע זאלע, נוהר איין זייער קליינע קיכע; און אלס דער קעניג האט איהם דיא אורזאך דאפאהן געפרעגט, האט ער איהם גיענטפערט: „מיין קליינע קיכע האט מיינע זאלע גרוים גימאכט״.

57) דער שפאניער.

א שפאנישער יונגער מאן איז מיט א צופאלל געקומען אין אונזער געגענד, אום ווינטער, אין דיא גרויסע פרעסט; און אלס עס איז איהם אוים געקומען דורך צוא גיין דורך אדארף, זיינען אויף איהם אנגעפאלען אבאנדע הינד, דער שפאניער האט זיך איינגעבויגען צוא דער

ערד

עֶרד , אוֹיף צוּא הוֹיבֶּען אַשְׁטֵיין , זֵייא אָפּ צוּא טְרַייבֶּען פָאהְן זִיךְ , עֶר הָאט אָבֶּער דֶעם שְׁטֵיין נִיט גֶעקָאנְט רִיהְרֶען פָאהְן אָרְט — זֶעלְבְּסְט פֶּער שְׁטֶענְדְלִיךְ , וַוייל עֶס וַואר אַיינְגֶעפְרָארֶען — „אַךְ פֶּער פְלוּכְטֶעס לַאנְד ! — הָאט עֶר מִיט עֶרְגֶער אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן — דָא וואוּ מֶען דִיא שְׁטֵיינֶער אָנְבִּינְדֶען , אוּן דִיא הוּנְדֶע לוֹיז לַאסֶען" .

58) דֶער לִיגְנֶער .

אִין אַ גֶעזֶעלֶענְשַׁאפְט , הָאט זִיךְ אַיוּנְגֶער מַאן בֶּערִימְט אַז עֶר אִיז אוֹיס גֶעוֶוען גַאנְץ אֵייראָפַּא , אוּן הָאט גֶעהַאט אוֹיפְטְרַאגֶע מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע מֶענֶער . אוּן מִיט דִיא דַארְדַאנֶעלְלֶען הָאט אִיהְר זִיךְ גֶעזֶעהֶן ? הָאט אִיהְם אֵיינֶער פָאהְן דִיא קָאמְפַּאנְיֶע גֶעפְרֶעגְט ; — „סְטַאיטְשׁ גֶעזֶעהֶען" ! — הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶיעֶנְטְפֶערְט — „אִיךְ הָאבּ מִיט זֵייא זָאנַאר וִויפִיעל מָאהְל מִיטָאג גֶעשְׁפַּייזְט אִין אַיינֶעם" .

59) אַפְּרָאסְטֶער חַי וְקַיָם .

פַאר צַייטְין אִיז גֶעוֶוען דֶער מִנְהָג , אַז אִין דִיא שַׁבָּתִים וָואס מֶען פְלֶעגְט זָאגֶען „יוֹצְרוֹת" , פְלֶעגְט מֶען מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶעם מִיטֶען אוֹיס שְׁרַייעֶן דֶעם : „חַי וְקַיָם" ! אֵיינְמָאהְל אַלְס דֶער שַׁמָשׁ אִיז צוּא גֶעגַאנְגֶען צוּא אֵיינֶעם אַגְרָאבִּין יִשׁוּבְנִיק אִיהְם מְכַבֵּד זַיין מִיט דֶעם כְּבוֹד , פְרֶעגְט אִיהְם דֶער יִשׁוּבְנִיק , וָואס פַאר אַ חַי וְקַיָם אִיז הַיינְטִיגֶער שַׁבָּת , צוּא „בְּגֶזֶרַת" צוּא „כְּסוּכַּת?" — נֵיין , — עֶנְטְפֶערְט אִיהְם דֶער שַׁמָשׁ : אַפְּרָאסְטֶער „חַי וְקַיָם" , אַלְס עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אוֹיס שְׁרַייעֶן , הָאט דֶער יִשׁוּבְנִיק אוֹיס גִישְׁרִיעֶן : „אַפְּרָאסְטֶער חַי וְקַיָם ! !" .

60) דִיא גַבָּאִים מִיטֶען רַב .

אִין אַ שְׁטֶעדְטִיל אִין דַייטְשְׁלַאנְד , הָאט מֶען גֶעמַסוּרְט דִיא גַבָּאִים , אַז זֵייעֶר רַב פָּארְט אוּם שַׁבָּת — אוֹיבּ אַזוֹיא ? — הָאבֶּען זֵייא גִיעֶנְטְפֶערְט — „אִיז עֶר דָאךְ גֶעוָואהְרֶען אַגְרֶעסֶערֶער בַּעַל־הוֹצָאָה , דַארְף מֶען אִיהְם הֶעכֶערְין דִיא שְׂכִירוֹת" .

61) אַעֶנְטְפֶער פָאהְן אַ רַב .

וָואנְט מִיר בְּבֵי , — הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט צוּא אַרַב — דִיא

נְמָרָא זָאגְט דָאךְ אַז ; „צַדִיקִים כָּל זְמַן שֶׁמַזְקִינִין דַעְתָּן מְיוּשֶׁבֶת עֲלֵיהֶם״ — ד. ה. דִיא צַדִיקִים וָואס זַייא וֶוערִין מֶעהר עֶלְטֶער, וֶוערִין זַייא אַלְס קְלִיגֶער, אוּן דִיא רְשָׁעִים וָואס זַייא וֶוערִין אֶלְטֶער, וֶוערִין זַייא אַלְס נַארֶעשֶׁער — טָא וִויא קוּמְט עֶס אַז דִיא סְפָרִים וֶועלְכֶע אִיהר הָאט יֶעצְט אַרוֹיס גֶעגֶעבִּין זַיינֶען עֶרְגֶער פַאר דִיא, וֶועלְכֶע אִיהר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען יוּנְגֶערְהֵייט? „אָט דָאס אִיז דָאךְ טַאקֶע דִיא אוּרְזַאךְ — הָאט אִיהְם דֶער רַב גִיעֶנְטְפֶערְט — וָואס אִיהר זַיינְט אֶלְטֶער גֶעוָוארֶען״.

62) אַקְלוּגֶער עֶנְטְפֶער.

דֶער קֶענִיג פְרִידְרִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער, הָאט סְמָאטְרֶעוֶוענְדִיג זַיינֶע זָאלְדַאטִין, בֶּעמֶערְקְט אַז בַּייא אַיוּדִישֶׁען קְלֵיינֶעם זָאלְדַאט זַיינֶען דִיא שְׁטִיוֶועל צוּא רִיסֶען, אוּן אַלְס עֶר הָאט בַּייא אִיהְם גֶעפְרֶעגְט: וָואהְרוּם אִיז בַּייא אַלֶעמֶען גַאנְץ דִיא שְׁטִיוֶועל, נוּהְר בַּייא אִיהְם אֵיינֶעם אִיז צוּא רִיסֶען? — הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט — ווייל יֶענֶע זַיינֶען גְרֶעסֶער פָאהְן מִיר, אַז דִיא שְׁטְרֶעקֶע וֶועלְכֶע זַייא גֵייעֶן אָפּ פֶערְצִיג טְרִיט, דַארְף אִיךְ גֶעבִּין זֶעכְצִיג טְרִיט, דֶער פַאר אִיז בַּייא מִיר מֶעהְר צוּא רִיסֶען וִויא בַּייא אַלֶעמֶען.

63) דֶער קִידוּשׁ.

אַ יִשׁוּבְנִיק הָאט גִיבֶּעטִין בַּייא זַיין אִינְגֶעלְס רֶבִּין אַז עֶר זָאהְל אִיהְם אוֹיס לֶערְנֶען קִידוּשׁ מַאכִין, נוּהְר דֶער אִינְגֶעל הָאט גֶעהַאט זַייעֶר אַנְרָאבֶּען קָאפְּף, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיהְם בְּשׁוּם אוֹפָן נִיט גֶעקֶענְט אוֹיס לֶערְנֶען דֶעם קִידוּשׁ, אַלָזָא הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַ עֵצָה גֶעגֶעבִּין, אוּן הָאט אִיהְם אַיינְגֶעחַזֶרְט אוֹיף דֶעם אוֹפָן: „יוֹם״ אִיז אִיוַואן, „הַשִּׁשִׁי״ אִיז סְטֶעפַּאן, „וַיְכֻלוּ״ וַואנְקַא, אוּן זָא כְּסֵדֶר דֶעם גַאנְצֶען קִידוּשׁ הָאט עֶר אִיהְם אַיינְגֶעחַזֶרְט, אוֹיף דִיא נֶעמֶען פּ׳׳ן גוֹיִם פוּן זַיין דָארְף, אוּן הָאט אִים אַזוֹיא אוֹיס גֶעלֶערְנְט דֶעם „קִידוּשׁ״; אֵיינְמָאהְל מַאכְט עֶר אִין דֶער הֵיים „קִידוּשׁ״ אַזוֹיא: „יוֹם וַיְכֻלוּ הַשָּׁמַיִם וכו׳״, פְרֶעגְט דֶער טַאטֶע בַּייא אִיהְם: וָואס זָאגְסְטוּ נִיט דֶעם וָוארְט הַשִּׁשִׁי? „יָע! — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט — סְטֶעפַּאן אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבֶּען.

אשפיטעל

64) א שְׁפִּיטְצֶעל פוּן אַ אָרוּם בָּחוּר.

אַ קַארְגֶער גְבִיר הָאט גֶענוּמֶען אַ אָרִים בָּחוּר אוֹיף שַׁבָּת, אַלְס עֶס אִיז גְקוּמֶען צוּא דִיא לָאקְשֶׁען, נֶעמְט דֶער גְבִיר א וּן שֶׁעפְּט אָן פָאהְן שִׁיסֶעל אַקָאכ־לֶעפִיל גֶעדִיכְטֶע לָאקְשִׁין אוּן גִיסְט זִיךְ אַרַיין אִין טֶעלֶער, אוּן זָאגְט דַאבַּייא: „אָדָם קָרוֹב לְעַצְמוֹ". נַאכְהֶער הָאט עֶר וִוידֶער אָנְגִישֶׁעפְּט דִיא גֶעדִיכְטֶע, אוּן גִיסְט אַרַיין צוּא דִיא וַוייבּ אִין טֶעלֶער, אוּן זָאגְט: „אָהַבְתִּי אֶת אִשְׁתִּי". נַאכְהֶער דִיא קִינְדֶער, אוּן זָאגְט: „וְאֶת בָּנַי", אוּן דִיא לֶעצְטֶע אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען קְלָאהְרֶע וַואסֶער, הָאט עֶר אַרַיין גֶענָאסֶען דֶעם אָרִים בָּחוּר, דֶער אָרִים בָּחוּר הָאט אָבֶּער לַאנְג נִיט גֶעקְלֶערְט, אוּן נֶעמְט דִיא שִׁיסֶעל זוּפּ, אוּן גִיסְט זֵייא אַלֶעמֶן אָפּ, זָאגֶענְדִיג דַאבַּייא: „וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים".

65) אַ עִיכּוּב אִין הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל.

וָואס מַאכְט אִיהְר? — הָאט אַיינֶער גֶעפְרֶעגְט בַּיין צְווייטִין, אִיהְם אָנְגֶעגֶענְדִיג אוֹיפֶען גַאס — עֶס אִיז זֵייעֶר פַאסְקוּדְנֶע — הָאט אִיהְם יֶענֶער גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַמֵיידִיל חֲתֻנָה צוּא מַאכֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ גְרַאדֶע פַאר אִיהְר זֵייעֶר אַגוּטֶען חָתָן נוּהְר דֶער חָתָן וִויל אַנְדֶערְס נִיט וִויא צְווייא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל נַדַן, אוּן אִיךְ הָאבּ מֶעהְר נִישְׁט וִויא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל; — דָאס אִיז אַקְלֵיינִיקַייט — הָאט אִיהְם יֶענֶר גִיעֶנְטְפֶערְט — לַייט זָאגֶען צוּא גְרֶעסֶערֶע נַדַן, אוּן גִיבֶּען נָאךְ דֶעם נִיט אַוֶועק, דִיא זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַייךְ, אִיהְר זָאגְט אִיהְם צוּא, צוּא גֶעבִּין צְווייא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל, אוּן נַאכְהֶער וֶועט אִיהְר אִיהְם הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל אָנְזֶעצִין; הֶערְסְט דוּא! — הָאט אִיהְם דֶער גִיעֶנְטְפֶערְט — אַט דָאס זָאג אִיךְ דָאךְ, אַז דִיא הוּנְדֶערְט וָואס אִיךְ וֶועל אִיהְם אָנְזֶעצִין, דִיא הָאבּ אִיךְ נָאהְר דִיא אֶמֶתֶ'ע הוּנְדֶערְט פֶעלִין מִיר.

66) דִיא גְרוֹיסֶע מַאטֶעמַאטִיקֶערֶען.

צְווייא אוֹרְחִים זַיינֶען אַיינְגֶע'שְׁטַאנֶען שַׁבָּת אִין אַקְרֶעטְשְׁמֶע, נַאכְהֶער אַלְס זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין גֶעדַאוְונְט אָפּ פָאהְרֶען, רוּפֶען זֵייא אַרַיין דִיא

קרעטשמערקע

קְרֶעטְשְׁמֶערְקֶע , זיא זָאהְל זייא גֶעבִּין אַרֶעכֶענוּנְג , ווייל זייא הָאבֶּען אָנְגֶענוּמֶען אִיבֶּער שַׁבָּת ; דִיא קְרֶעטְשְׁמֶערְקֶע הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין צוּא רֶכְנֶען פָאלְגֶענְדֶע : פַאר צְווייא נֶעכְט נֶעכְטִיגֶען קוּמְט צוּא 16 גְרָאשֶׁען פִיר אֵיינֶם פַאר 2 קִיטְקֶעס הֵייא 48 גְרָאשֶׁען 48 מִיט 16 אִיז דָאס אִינְאֵיינֶעם אַנִיכְדֶען, טָא נַאם אַייךְ אַפוּפְצִיגָער אוּן נִים מִיר אַעפֶּרְצִיגֶער , וָועט שׁוֹין זַיין בַּצָאלְט פַארֶען שַׁבָּת אוֹיךְ .

67) דֶער לֶעהְרֶער אוּנְד דֶער שִׁילֶער .

וִויא פִיעל אִינְזֶלֶען זַיינֶען דָא אִין מֶעער (ים) אוּן וִויא הֵייסֶען זֵייא ? — הָאט אִין דַייטְשְׁלַאנְד אַ לֶעהְרֶער זַיינֶעם שִׁילֶער גִיפְרֶעגְט — אִין מֶעער זַיינֶען דָא אַפוּלְלֶע אִינְזֶלֶען — הָאט אִיהְם דֶער שִׁילֶער גִיעֶנְטְפֶערְט — אוּן אִיךְ הֵייס הַאנְז .

68) אַשֵׁיינֶער וָוארְט .

אַקְלֵיין גֶעווּיקְסִינֶער אָרֶעם בָּחוּר הָאט גֶעגֶעסִין בַּייא אֵיינֶעם אַטָאג, דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶּער גְעוֶועזֶען אַזַא פְרֶעסֶער אַז עֶר הָאט גֶעקָאנְט אוֹיף עֶסֶען פַאר פִינְף מֶענְשִׁין ; אֵיינְמָאהְל פְרֶעגְט אִיהְם זַיין בַּעַל־הַבַּיִת : „זָאגְט מִיר וָואס אִיז דִיא מַעֲשֶׂה , וָואס אִיהְר אַזַא קְלֵיינֶער מֶענְשֶׁעלֶע , עֶסְט אַזוֹיא פִיעל אוֹיף , אָן עַיִן הָרָע. . . .“ אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען — הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט — בְּשַׁעַת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפִין דִיא וָועלְט , הָאט עֶר אוֹיף גִיהַאנְגֶען אַלֶער הַאנְד קִישְׁקֶעס , קְלֵיינֶע אוּנְד גְרוֹיסֶע , דֶער חוֹיכֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט גִיקֶענְט דֶער גְרֵייכִין הֶעכֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען אַקוּרְצֶע קִישְׁקֶע , נָאהְר אִיךְ אַלְס קְלֵיינֶער מֶענְשֶׁעלֶע הָאב גֶעמוּזְט נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע קִישְׁקֶע .

69) אַ יוּדֶענֶע בְּלֵייבְּט אַ יוּדֶענֶע .

אַ יוּדֶענֶע אִיז אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אוֹיפֶען מַאן , אוּן אִיז זִיךְ גִילָאפִין טְרִינְקֶען קוּמֶענְדִיג , צוּם טַייךְ הָאט זִיא אָנְגֶעטַאפְּט דֶעם וַואסֶער — אוֹי ! זָאגְט זִיא — עֶס אִיז קַאלְט דֶער וַואסֶער , מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ חָלִילָה צוּא קִיהְלֶען , אוּן אִיז גֶעשְׁווִינְד אַנְטְלָאפֶען אַהֵיים .

טין

70) דֶער מַאן , אוּן דִיא װײַבּ .

מַיין לִיבֶּער מַאן — הָאט אַפְּרוֹיא גֶעזָאגְט צוּם מַאן — דוּא בִּינְסְט מִיר מוֹחֵל װָאס אִיךְ בִּין פָאהְן דִיר אַנְטְלָאפֶען גֶעװָאהֶרען ? פַאר װָאס דוּא בִּינְסְט אַנְטְלָאפֶען בִּין אִיךְ דִיר מוֹחֵל — הָאט אִיהְר דֶער מַאן גִיעֶנְטְפֶערְט — „נוּהְר נִיט פַאר װָאס דוּא בִּינְסְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען״ .

71) נִיט עֶרְהַאלְטֶען דֶעם בְּרִיף .

אַדָארְפֶעשֶׁע פְּרֵיילִין הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיעף צוּא אִיהְר פְּרֵיינְדִין אִין שְׁטָאדְט אַז זִיא זָאהְל אִיהְר שִׁיקֶען דֶעם אוּן דֶעם בּוּךְ . דִיא לֶעצְטֶע הָאט אִיהְר דֶעם בּוּךְ נִיט גֶעשִׁיקְט , אוּן אַלְס זַייא הָאבֶּען זִיךְ נָאכְהֶער אִין שְׁטָאט גֶעזֶעהְן , הָאט זִיךְ דִיא שְׁטָאדְטִישֶׁע פֶּער עֶנְטְפֶערְט , פַאר דִיא דָארְפִישֶׁע: „פֶער צַייהֶע מִיר װָאס אִיךְ הָאבּ דִיר דֶעם בּוּךְ נִיט גֶעשִׁיקְט , דֶען אִיךְ הָאבּ דַיין בְּרִיעף נִיט עֶרְהַאלְטֶען״ .

72) מֶען רוּפְט מִיךְ פֶּעטֶער .

פְּרֵיילִין ק. אִין גֶעװֶען זַייעֶר אַ שֵׁיינֶע , נָאהְר אַ אָרֶעמֶע , אוּן הָאט זִיךְ דָארוּם גֶעמוּזְט בֶּעשְׁלִיסֶען , צוּא הֵייַראטְהֶען מִיט אַיין אַלְטִין מַאן אַנְבִּיר , אַלְס זַייא זַיינֶען גֶעפָאהְרֶען אוֹיף דֶער חֲתֻנָּה , הָאט אִיהְר דֶער קוּטְשֶׁער אַלֶע װַיילֶע גֶעזָאגְט : „פְּרֵיילִין ! מֶען רוּפְט מִיךְ פֶּעטֶער !״ נָאךְ אִיהְר חֲתֻנָּה , פְרֶעגְט זִיא בַּייא אִיהְם , װָאהְרוּם עֶר הָאט אִיהְר דָאס אַלֶע װַייקֶע גֶעזָאגְט ? פֶּער שְׁטֵייט אִיהְר , הָאט עֶר אִיהְר גִיעֶנְטְפֶערְט — כְּדֵי אִיהְר זָאהְלְט נָאכְהֶער נִיט זָאגֶען : „דֶער טַייפֶעל הָאט מִיר צוּא דֶער חוּפָּה גֶעפִיהְרְט״ .

73) אַגוּט װָארְט .

װִיא אַלְט קֶענֶען זִיא זַיין ? — הָאט אַהֶער גֶעפְרֶעגְט בַּייא אַדַאמֶע— 20 יָאהְר — הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶס קֶען מֶעגְלִיךְ זַיין . . . — הָאט עֶר עֶרְװִידֶערְט — װָאס אִיהְר צְװייפֶעלְט נָאךְ ? — הָאט אִים דִי דַאמֶע אִיבֶּער גִיפְרֶעגְט — אַךְ גִיװִיס ! — הָאט דֶער הֶער גִיעֶנְטְפֶערְט — װִיא זָאל אִיךְ אַייךְ נִיט גְלוֹיבֶּען ? דֶען שָׁאהְן בַּיינַאהֶע צֶעהְן יָאהְר , װִיא אִיךְ הֶער דָאס פָאהְן אַייךְ , [illegible] , זָאהְל אִיךְ אַייךְ נָאךְ נִיט גְלוֹיבֶּען ?

74) איך בין אויך אַבאַנדאַר.

אַ חזן האָט געדאַווענט אין אַ שטעטיל, און האָט זייער ניט אויס געגומען, נאָכין דאַווענען גייט צוא איינער צום חזן און זאָגט: אַ! אונזערע פּרנסות וויא שווער עס קומט אונז דאָס אָן; וואָס פאַר אַמענש זייט איהר? — פרעגט איהם דער חזן — „איך בין אויך אַבאַנדאַר" — האָט ער איהם גיענטפערט.

75) ניט קיין שלעכטער שידוך.

אַשדכן איז געקומען ריידין אַיונגען מאַן אַשידוך, מיט דיא און דיא פריילין, אַך! — זאָגט דער יונגער מאַן — דאָס מעדכען הינקט דאָך? יאַ — ענטפערט איהם דער שדכן — דאָס איז זייער גוט פאַר אייך, וועט זיא אייך ניט קאָנען נאָך לויפען; אָבער זיא איז דאָך בלינד! — זאָגט דער יונגער מאַן — נוא, גאַנץ גוט ערווידערט דער שדכן — וועט זיא ניט קאָנען זעהן וויא איהר גייט אַרום מיט אַנדערע פרויענצימער; אָבער זיא איז דאָך אויך טויב! — זאָגט דער יונגער מאַן מיט ערגער — אַך! אַוואַהרעס גליק פאַר אייך, — זאָגט דער שדכן — איהר וועט מאָגין ריידין אין שטוב אַלס וואָס איהר וועט נור וועלין, עס וועט זיין, אַזויא וויא זיא וואָהלט גאָהר דער ביי ניט געוועזן; זיא איז דאָך אָבער אויך שטום?! נאָך בעסער — ענטפערט דער שדכן — וועט ביי אייך אין שטוב, אימער שטיל און רוהיג זיין; אָבער זיא האָט דאָך אַהויקער אויך! — שרייט דער יונגער מאַן — נוא ווילט איהר — זאָגט דער שדכן צוא איהם — אַז זיא זאָהל שוין גאָהר קיין פעהלער ניט האָבען?

76) אַ גיטרייער מאַן.

וויא האַלט עס מיט מיין פרויא? — האָט איינער ביין דאָקטאָר געפרעגט — ליידער ניכט גוט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — איהר מוזט זיך אויף דאָס שלימסטע בעשליסען; וואָס זיא וועט געזונד? — האָט דער מאַן געפרעגט —.

77) דיא צוואה.

איינער האָט געלאָזען אין צוואה דריי פונקטען: ערשטענס אַז בשעת

בְּשַׁעַת מֶען וֶועט אִיהְם מְטַהֵר זַיין , זָאל מֶען אִיהְם נִיט הַאלְטֶען אוּנְטֶער דִיא אָרֶעמְס , דֶען עֶר הָאט מוֹרָא פַאר קִיצְלֶען ; צְוֵוייטְעֶן זָאהְל מֶען אִיהְם לֵייגֶען גֶעבִּין קְלֵיינֶע קִינְדֶער , כְּדֵי עֶר זָאל קָאנֶען אוֹיס נַארֶען פָאהְן זַייא דֶעם אִיבֶּערְבַּייסֶען ; אוּן דְרִיטֶענְס זָאהְל מֶען אִיהְם מְקַבֵּר זַיין גֶעבִּין אַבּוּדְקֶע (וואוּ אַ נָארְדָאוָואי שְׁטֵייט) כְּדֵי אַז דֶער מַלְאַךְ־הַדּוּמָה וֶועט קוּמֶען זָאהְל עֶר קֶענֶען אַ גֶעשְׁרֵייא טָאהְן : נָארְדָאוָואי !

78) דֶער גֶעשְׁמִיסֶענֶער גְבִיר .

עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מַעֲשֶׂה , אַ פָּארִיץ הָאט אָפּ גֶעשְׁמִיסֶען אַ גֶעוִויסֶען ווִילְנֶער גְבִיר , אֵיינְמָאהְל הַאפְּט דֶער זֶעלְבִּינֶער גְבִיר אָן מָאטְלֶען אוֹיפֶען גַאסְס , אוּן זָאגְט צוּא אִיהְם : „מָאטִיל ! זָאג מִיר עֶפֶּעס אַווִיטְץ (דֶער גְבִיר אִיז גֶעוֶוען אַהוֹיךְ גֶעוִויקְסִינֶער) ' זָאגְט מָאטִיל צוּא אִיהְם : זֶעהְט ר׳... אַוואוּנְדֶער דַאכְם זִיךְ אָט דָא נִיט לַאנְג , הָאט מֶען אַייךְ אוּנְטֶער גֶעהַאקְט , אוּן אִיהְר זַיינְט נָאךְ אַלְס אַזַא לַאנְגֶער ... .

79) אַ קְלוּגֶע עֵצָה .

אִין ק. אַלְס עֶס אִיז אָנְגֶעפַלֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער שְׁנֵייא , אוּן דִיא מֶענְטְשֶׁן פָאהְן שְׁטֶעדְטִיל הָאבֶּען מוֹרָה גֶעהַאט אַז דֶער שַׁמָשׁ וֶועט גֵיין אִין דֶער פְרִיא רוּפֶען : „אִין שׁוּהְל אַרַיין !“ וֶועט עֶר דָאךְ דֶער ווַייל אוֹיס טְרֶעטִין דִיא שְׁנֵייא , הָאבֶען זַייא זִיךְ אַ עֵצָה גֶעגֶעבֶּען אַז פִיער מֶענְטְשִׁין זָאהְלֶען טְרָאגֶען דֶעם שַׁמָשׁ אוֹיף דִיא הֶענְד , אוּן עֶר זָאהְל רוּפֶען : „אִין שׁוּהְל אַרַיין !“

80) אַ גָאוֹן'ס אַ וָוארְט .

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן ר׳ זֶעלְמֶעלֶע הָאט גִיזָאגְט : אַז אֵיינֶער גֵייט אוֹיס שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַארְף מֶען אִיהְם גֶעבִּין : „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“ דֶען אִין וָואס פַאר אַ שְׁטָאדְט אִיז עֶר נִיט אוֹיס גֶעוֶוען שְׁטֵייעֶנְדִיג שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה .

81) נַוארֶענִיֶע אִין חָלוֹם .

מוּטֶער ! — הָאט אַ אִינְגֶעל גֶעזָאגְט צוּא זַיין מוּטֶער — אַלְס אִיךְ וָואל זִיךְ נִייטֶער לֵייגֶען שְׁלָאפֶען , זָאהְלְסְט דוּא מִיר אַרוּנְטֶער לֵייגֶען אַלֶעמִיל צוּא קָאפִּינְס , דֶען דִיא פָארִיגֶע נַאכְט הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט

געחלומ'ט אז געבין מיר איז געשטאנען א שיסעל װארעניקעס, נאר צום אונגליק האב איך קיין לעפיל ניט געהאט.

82) א חזיר א מבין.

וויא זאגסט דוא? — ווער קען בעסער זינגען איך צוא דוא? — האט דיא קראע דעם סאלאוויא געפרעגט — געוויס קען איך בעסער — האט איהר דער סאלאוויא גיענטפערט — נוא, און איך זאג — האט זיך דיא קראע ווייטער אפּ גערופען — אז איך זינג טויזענדער מאל שענער פאהן דיר — לאמיר זיך וועטין, זאגט דער סאלאוויא צוא דיא קראע, ווער עס קען בעסער זינגען, און ווער עס וועט פער שפּילען, דעם, זאהל דער געוואונענער אויס פּיקען א אויג; אבער ביא וועמען. וועלין מיר פרעגין? — פרעגט דיא קראע — וועמען מיר וועלין אן טרעפין דעם ערשטין, ביא דעם וועלין מיר פרעגען, — זאגט דער סאלאוויא, — נוא גוט, — ענטפערט איהם דיא קראע; און האבען זיך געוועט — און לאזין זיך גלייך ביידע, זוכען אמבין, און טרעפין גלייך אן דעם ערשטין אחזיר .... זאגען זייא צוא איהם: זאג אונז נאר דוא חזיר, "ווער קען בעסער זינגען?" "דיא קראע קען בעסער" — האט דער חזיר גיענטפערט — נוא פער שטייט זיך, אז דיא קראע האט באלד דעם סאלאוויא אויס געפּיקט א אויג; שטייט דער סאלאוויא און וויינט, זאגט דיא קראע צוא איהם: וואס וויינסט דוא? דוא האסט דאך אנגעוואהרען, און דוא אליין האסט ארויס געגעבען אזא שווערין פּסק; ניין! — האט איהר דער סאלאוויא גיענטפערט — מיך פער דריסט ניט אזויא אויף דיא אויג, נאר מיר פער דריסט: "וויא קומט אזא גראבער חזיר צוא זאגען מבינות אויף"

דער פאבעל איז אשפּיעגעל פאר פיעלע מענשין.

83) וואס דקדוק איז.

איינער א גראבער מענש — האט אמאהל געזאגט: "וואס דקדוק איז, שמע, הער צוא, שמעני, הער מיר צוא, און שמעלים איז שוין גאהר מאטעריך".

84) רַבִּי יְהוּדָה מִיט דִיא סִמָנִים .

אִין פְּלוּס אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא : וָואס טוּהְט מִיר דָא רַבִּי יְהוּדָה אוֹיף מִיטֶען דְצַ״ךְ עֲדַ״שׁ בְּאַחַ״ב ? נוּהְר דֶער תִּירוּץ אִיז : רַבִּי יְהוּדָה הָאט דָאךְ שׁוֹין אַיין מָאהְל אַ טָעוּת גֶעהַאט מִיט תָּמָר׳ן , דְרוּם מַאכְט עֶר שׁוֹין יֶעצְט סִימָנִים ; אַי , נִיחַאי וָואהְלְט עֶר גֶעגֶעבִּן תָּמָר׳ן דִיא מַכּוֹת , אוּן אִין דֶער הַגָּדָה דֶעם זִיגֶעל , מִיטֶען שְׁטֶעקִין , מִיטֶען שְׁנוּפְּטוּךְ ? נָאהְר אַז עֶר וָואהְלְט גֶעגֶעבִּין תָּמָר׳ע מַכּוֹת , וָואהְלְט זִיא אִיהְם גֶעגֶעבִּין יְסוּרִים . . .

85. אַגְלָאז וַויין .

בֶּעסֶער אַלְס אַגְלָאז וַויין אִיז גָאר נִיטָא הָאט אַמָאהְל אֵיינֶער גֶעזָאגְט אִין אַגֶעזֶעלְשַׁאפְט . אוּן מִיר דוּכְט אַפְלַאשׁ וַויין אִיז נָאךְ בֶּעסֶער תָּאט אַ צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט .

86. גָאט גְלַייךְ .

זָאג נָאהְר וַוייבֶּעל — הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט צוּא אַפְרוּיא — וָואס בִּינְסְט דוּא אַזוֹי אוֹיפֶען מַגִיד אוֹיפְגֶעטְרָאגֶען , פַאר וָואס עֶר הַאלְט דִיר שְׁטֶענְדִיג אִין אַיין מוּסָר זָאגֶען ? דוּ וֵוייסְט דֶען נִיט , אַז דֶער מַגִיד וִויל זַיין גָאט גְלַייךְ וֶועמֶען עֶר הָאט לִיעבּ , דֶעם שְׁטְרָאפְט עֶר אַ סַךְ .

87) לִיגֶען אוֹיף הוּילֶען .

מָאטִיל אִיז אַמָאהְל אַרַיין צוּ זַיינֶעם אַבֶּעקַאנְטִין , אוּן זָאגְט צוּ אִיהְם : אִיהְר וֵוייסְט ר׳ שְׁמוּאֵל אַז אִיךְ מוּז שׁוֹין וֶוערִין אַדָקְטָאר ; אוּן וָוארוּם ? — פְרֶעגְט אִיהְם דֶער שְׁמוּאֵל — וַוייל פֶערְשְׁטֵייט אִיהְר — הָאט אִיהְם מָאטִיל גִיעֶנְטְפֶערְט — מֶען הָאט בַּייא מִיר הַיינְטִיגֶע נַאכְט אַרוֹיס גַנַבְעֶ׳ת דִי בֶּעט גֶעוואַנְט , נוּא , וֶועל אִיךְ שׁוֹין מוּזֶען „לִיגֶען אוֹיף הוּילִין״ .

88) אַקְלַאפּ פֶער גִייט , אוּן אַוָוארְט בֶּעשְׁטֵייט .

אוּם פּוּרִים בְּשַׁעַת אַלֶע הָאבִּין גֶעקְלַאפְּט הָמָנ׳ען הָאט אֵיינֶער אַגֶעווִיסֶער שְׁנַיידֶער גֶעמַאכְט אַגְרוֹיסֶען יוֹנִישֶׁען „מִי שֶׁבֵּרַךְ״— אוּן אַלְס מֶען הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט : וָואס אִיז דָאס ? — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט . „אַקְלַאפּ פֶער גִייט , אוּן אַ וָוארְט בֶּעשְׁטֵייט .

אין

89) נִיט גֶעדַאוֶועגְט פָאהְן פָארֶענְט.

אִין ווִילְנָא, אִין אַלְטִין קְלוֹיז, אִיז אַגְרָאבֶּער יוּנְג אַשׁוּסְטֶער, אַרוֹיף גֶעקְרָאכֶען אוֹיבֶּען אָן, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען, דֶער אוּנְטֶער שַׁמָשׁ אָבֶּער הָאט דָאס גְרַאדֶע בֶּעמֶערְקְט, אוּן אִיז צוּא אִיהְם צוּא גֶעגַאנְגֶען, אוּן זָאגְט: הֶערְט ר׳ יוּד! אִיהְר הָאט שׁוֹין גֶעדַאוֶועגְט פָאהְן פָארִינְט? דַאכְט זִיךְ נִיט, טָא זַייט זְשֶׁע מוֹחֵל, אוּן דַאוֶוענְט פָאהְן פָארִינְט.

90) אִין לַייטֶעשֶׁע מַיילֶער.

דֶער זֶעלְבֶּער, אַלְס עֶר אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אִין מַאלַיאַרְסְקֶע קְלוֹיז וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר שֶׁעהְן אוֹיס גֶעמָעלְט, אוּן אוֹיס גֶעפּוּצְט, הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען, זִיךְ אַרוּם קוּקֶענְדִיג. אוֹי! אִיךְ בִּין יֶעצְט אַריין גֶעפַאלֶען „צְווִישֶׁען לַייטִישֶׁע מַיילֶער״.

91) אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי.

אַשְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיא אִיז עֶרְגֶער פַאר אַ רֶעגֶען.

דֶער רֶעגִין טְרַייבְּט אִין שְׁטוּב אוּנְד אַשְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ פֶערְטְרַייבְּט דֶעם מַאנְן פוּן שְׁטוּבּ.

92) אַמַאן צוּא דֶער וַוייבּ.

אַ מַאנְן הָאט אַ מָאהְל גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ: דוּא בִּיסְט מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער מִיר אִיז דֶער לֶעבִּין אִיבֶּערְדְרִיסִיג.

93) זָאל גָאט הִיטֶען.

חַיינְטִיגֶער רֶעגֶען אִיז וֶוערְט גָאלְד, הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט צוּא אַ מֶענְשִׁין פוּן מִיטֶעלֶען אֶלְטֶער, אִיצְט וֶועט פוּן דֶער עֶרְד אַלְץ אַרוֹיס. — זָאל גָאט הִיטֶען, הָאט גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט דֶער צְווייטֶער; אִיךְ הָאבּ דָארְטִין דְרַייא וַוייבֶּער.

94) דֶער וַוייזֶער טוֹיג נִיט.

אֵיינֶער הָאט אַמָאהְל גִיוָואכְט אַז דֶער מַגִיד זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגֶען זָאגֶען וַוייל עֶס אִיז שְׁפֶּעט. עֶר הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען זַיין אוּהְר אוּן

געוויזען

דער מגיד האָט זיך נט אײַנגעקוקט אונד זאָגט: די אותר איז נט, נאר דער עײַער טויג ניט.

95) אַמאָס אויף אַיין הֶספֵּד.

אַמַגיד איז אַמאָל געקומען צוא אֵיינעם מְבַקר חולה זיין און האָט געקוקט אויף דעם חולה זעהר ערינסט. — „רבי, זאָגט צוא איהם דער חולה, איר נעמט מיר אַמאָס אויף אַ הֶספֵּד? לאָזט אויף אַשְׁטיקעלע אין די אַרבֶּעל; עס זאָל ניט זיין אֵיינג.

96) די זעלבע אורזאַכע.

פאר וואָס הייסט אַמיאוסֶה מויד „שֵׁיינדֶעלי"? — איבער דער זעלבע אורזאַכע וואָס אַשלעכטע ווייב הייסט „גוטעלי".

97) אַ באָרד.

אַ מורה הוראָה האָט אַמאָל דער זעהן אַ יונגען לאָסט טרעגער מיט אַנעראזירטען באָרד. — „הער דוא, פרעגט בייא איהם דער רבי, וויפיל ניט מען דיר פאַרין טראָגען? פיל עס מאַכט זיך: 10, 15, 20, קאָפּיקעס. — נוא, נאַ דיר 20 קאָפּיקעס און טראָג מיר אויף עטוואס, האָט גיזאָגט דער רב. — אַך רעבעניע וואס? — „אַ באָרד".

98) ער זאָל לעבין.

די חסידים ריידין וועגע רעבין, רופען זייא אים ניט מיט זיין נאָמען, נאר זייא זאָגען: „ער, זאָל לעבין". מען זאָגט: „ער זאָל לעבין, עסט; ער, זאָל לעבין, טרינקט; ער, זאָל לעבין, שלאָפט": אַיין חסיד דערציילט ווייענדיג דעם 2־טען ער, זאָל לעבין, איז גישטאָרבין!".

99) אַגרוסער קאָרלוק.

מען האָט אַרום געטראָגען איבער די גאַסען זעהר אַקליינעם סאַרכוס ווייזין פאַר עטליכע קאָפּייקעס. אַ קלוגער קלוזניק האָט דערזעהן וויא אַלע לייפין נאָך און קוקען, האָט ער מיט וואונדער געזאָגט: איך פערשטעהע ניט וואס איז דא אַזוי נאָך צו לויפין? איך האָב געזעהן גרעסערע קאָרלוקעס!

ר יאקיל

100) א גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה .

ר׳ יָאקִיל אִיז גִיוֶועזִין אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן , אָבֶּער , זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין , אַגְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה . אַיין מָאהְל הָאט עֶר זִיךְ גֶעקְרִינְט מִיט דֶעם שְׁטָאט גַבַּאי אוּנד זָאגְט : דָאס קֶענְט אִיר דָאךְ פָּארְט נִיט אָפּ לֵייקֶענֶען אַז אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אוּנְד עֶס שְׁטֵייט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ אַז דִיא תּוֹרָה מַאכְט קְלוּג אֲפִילוּ דֶעם נַארֶען . דֶער גַבַּאי הָאט אִים אוֹיף דָאס גֶעאַנְטְווָארְטֶעט : דִיא תּוֹרָה קֶען זִיךְ נִיט צוּ רַייסִין , זִיא הָאט אִיר זַאךְ נִינוּג גֶעטָאן , אָבֶּער אַלֶע אַייעֶרֶע נַארֶעשְׁקַייט הָאט זִיא נִיט גִיקֶענְט פַארְזֶעהֶען .

101) לֶעבִּין וִויא אַשְׁלֶעפֶּער .

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא — הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט צוּא זַיין חַבֵר — אַז מִיר זָאלִין נִיט שְׁטַארְבִּין וִויא שְׁלֶעפֶּער . — אוֹיךְ אַ דַאְגָה ! הָאט גֶעזָאגְט דֶער אַנְדֶערֶער , — אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מִיר וֶועלִין דַארְפִין לֶעבִּין וִויא שְׁלֶעפֶּער .

102) אַקלוּגֶע כַּלָה .

אַמֵיידִיל הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא דִיא אַנְדֶערֶע „שׁוֹין לַאנְג אַז דוּא בִּיסְט אַ כַּלָה" ? — הָאט דִיא כַּלָה גִיעֶנְטְפֶערְט — שׁוֹין צְווַייא יָאר בִּיז 120 יָאר .

103) אַשְׁמֶעק טַאבַּאק אַגְמִלוּת חֶסֶד .

אַיין אָרֶעמַאן הָאט גִיוָואלְט טָאהְן גְמִילוּת חֲסָדִים עֶר הָאט אָבֶּער נִיט גִיהַאט מִיט וָואס , הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועזְן אוּן הָאט גֶעקוֹיפְט שְׁמֶעק-טַאבַּאק אוּן פְּלֶעגְט יֶעדֶערִין גֶעבִּין שְׁמֶעקִין , אִיז גִיקוּמֶען דֶער „גְמִילוּת חֶסֶד" טַעֲנָהְן פַארִין רבש״ע אוּן הָאט גֶעזָאגְט „אִיךְ בִּין דָאךְ אֵיינֶער פוּן דִיא דְרַייא זַאכֶען וָואס דִיא וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף זַייא : תּוֹרָה , אוּן עֲבוֹדָה, אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים פַאר וָואס פַּטֶערְט מִיר דֶער אָרֶעמַאן מִיט אַשְׁמֶעק טַאבַּאק" ; זָארְג נִיט — הָאט אִיהְם דֶער רבש״ע גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶס אִיז פַאראַנֶען אַנְדֶערֶע תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה וָואס זַיינֶען קַיין שְׁמֶעק טַאבַּאק אוֹיךְ נִיט וֶוערְט .

104) דִיא קַאשֶׁע מִיט דִיא תִּירוּצִים.

צְוֵויא אָרֶעמֶע בַּחוּרִים הָאבִּין זִיךְ צוּא זַאמֶען גִיטְרָאפִין, זָאגְט אֵיינֶער צוּם אַנְאַנְדֶערֶען "אִיךְ הָאבּ אַטָאג וָואס וֶוען אִיךְ קוּם עֶסֶען קָארְמֶעט מֶען מִיר שְׁטֶענְדִיג מִיט קַאשֶׁע: אָבֶּער קַאשֶׁע אוּן ווִידֶער קַאשֶׁע", דוּא הָאסְט נָאךְ נִיט וָואס צוּא זִינְדִיגֶען — זָאגְט דֶער 2-טֶער — אִיךְ הָאבּ אַ טָאג וָואס מֶען קָארְמֶעט מִיר דָארְטִין שְׁטֶענְדִיג מִיט תִּירוּצִים: דָא הָאט מֶען נִיט גִיקָאכְט, דָא אִיז דִיא קֶעכִין נִיט גִיוֶוען אִין שְׁטוּבּ, דָא הָאט דִיא וִוירְטֶען קַיין צַייט, אוּן מִיט תִּירוּצִים קֶען מֶען נִיט זַאט וֶוערִין.

105) אַ נַייעֶר פֵּירוּשׁ אוֹיף הַגָדָה.

אַ מְחַבֵּר הָאט גִימַאכְט אַ נַייעֶם פֵּירוּשׁ אוֹיף הַגָדָה, הָאט בַּייא אִים אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט; אִיז דֶען קְנַאפּ פֵּירוּשִׁים אוֹיף הַגָדָה, וָואס ווִילְט אִיר נָאךְ מִיט אַייעֶר פֵּירוּשׁ? פַאר שְׁטֵייט אִיר — הָאט אִים דֶער מְחַבֵּר גִיעֶנְטְפֶערְט — פוּן יֶענֶע פֵּירוּשִׁים קֶען אִיךְ אָבֶּער קַיין פֶּסַח נִיט מַאכִין.

106) דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִין מִזְרַח וַואנְד.

אַ בַּעַל עֲגָלָה אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטֶעל אִיז גִיוָוארֶען אַ נָגִיד, הָאט עֶר גִיקוֹיפְט אַ שְׁטָאט אִין בהמ"ד אִין מִזְרַח וַואנְד לֶעבִּין אָרוֹן קֹדֶשׁ, אִיז אַ מָאל אַרַיין אִין בהמ"ד זַיינֶער אַפַּארְצַייטִיגֶער בַּאקַאנְטֶער, עֶר זֶעהְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁטֵייט אוֹיבֶּען אָן, אִיז דָאס אִים גִיוֶוען זֵייעֶר אַוואוּנְדֶער, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט הָאט עֶר אִיהְם צוּא גִירוּפִין אוּן זָאגְט צוּא אִים: וָואס וואוּנְדֶערְסְט דוּא זִיךְ? דוּא זֶעסְט נִיט אַ מִזְרַח מִיט פֶערְד דַארְף מֶען דָאךְ הָאבִּין צוּא זַייא אַ בַּעַל עֲגָלָה.

107) דֶער אוֹרֵחַ מִיט דִיא גְרוֹיפֶּען.

מֶען הָאט דֶערְלַאנְגְט אַיין אוֹרֵחַ גְרוֹיפֶּען צוּם עֶסִין, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶערוּפֶען צוּא דֶער וִוירְטְהִין: "אִיהְר הָאט נִיט גֶעמוּזְט זַייעֶן דִיא וַואסֶער? "וָואס אִיז" ? הָאט זִיא גִיפְרֶעגְט. עֶס שְׁווִימְט עֶפֶּעס אַרוּם אַ גְרוֹיפּ אִין טֶעלֶער, הָאט דֶער אוֹרֵחַ גִיעֶנְטְפֶערְט.

בין

108) נים קיין הינגער ·

אַ אָרֶעמַאן איז אַריין צו אַ גְבִיר בֶּעטֶען אַ נְדָבָה , דֶער נְבִיר הָאט אָבֶּער אויף אִיהְם אָנְגְישְׁרִיעֶן און גֶעזָאגְט , דָאס קֵיין אוֹרְחִים נִיט עֶר נִיט .

— אִיךְ בִּין קֵיין אוֹרֵחַ נִיט , הָאט דֶער אָרֶעמַאן גֶיעֶנְטְפֶּערְט , אִיךְ בִּין אַ הִינְגֶער אַ גִיבָּארֶענֶער .

— אַז דוּא וָואלְסְט גֶעוֶועזֶען אַ הִינְגֶער , הָאט אִיהְם דֶער גְבִיר גֶיעֶנְטְפֶּערְט , וָואלְסְטוּ וִויסֶען , אַז אִיךְ גִיבּ קֵיין נְדָבוֹת נִיט , בִּיסְטוּ דָאךְ נִיט קֵיין הִינְגֶער , און אוֹרְחִים גִיבּ אִיךְ נִיט .

109) צְוֵוייא קְלָאג צוּא דִיר ·

בַּיין וַואקְזַאל אויף דִי קְלֵיינֶע סְטַאנְצְיֶעס קְלַייבֶּען זִיךְ אויף וַוייבֶּער מִיט קִינְדֶער שַׁבָּת נָאכְ'ן טְשָׁאלֶענְט זֶעהֶען וִויא דֶער טְרֵיין קוּמְט , אַמֵיידִיל הָאט דֶער זֶעהְן וִויא פוּן וַואגָאן אִיז אַרוֹיס אַיוּד .

— מַאמֶע , מַאמֶע ! אַקְלָאג צוּא מִיר ! אַיוּד פָּארְט אוּם שַׁבָּת

— הָאט זִיא אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן נִיט מִיט אִיהְר קוֹל .

דֶער יוּדִישֶׁער פַּאסַאשִׁירֶער אִיז צוּ אִיהְר צוּ גִינַאגְנֶען און גֶעזָאגְט :

— צְוֵוייא קְלָאג צוּ דִיר , טָאכְטֶערְקֶע ! אִין וַואגָאן זִיצְט נָאךְ אַיוּד .

110) מָאטְקֶעס אַתְּשׁוּבָה ·

אויף אַ נְגִידִישֶׁע חֲתֻנָּה אִין מִינְסְק הָאט מֶען אַמָאל גֶעבֶּעטֶען מָרְדְּכַי חַבַּר עֶר זָאל זָאגֶען אַ הַמְצָאָה .

— מָאטְקֶע הָאט גֶעפָאלְגְט און גֶעזָאגְט :

— בַּיְסְעוּ מְסִבּוֹת וַיִחַנוּ בִּרְפִידִים , גֶעהַאנְגֶען זָאקֶען וֶוערִין אַלֶע מִינְסְקֶער נְגִידִים.

דִיא נְגִידִים הָאבֶּען זִיךְ שְׁטַארְק בַּעלֵיידִיגְט און גִיפְרֶעגְט :

— וָואס אִיז דָא דִיא הַמְצָאָה ?

— אִיךְ מַיין אָחְן הַמְצָאוֹת !

110) אַ נאַרישע קשיא.

ביא א חכם האָט מען געפרעגט: פאר וואָס ליעבט ער צו ריידען מיט שעהנע פרויען?

אזא נארעשע קשיא—האָט דער חכם גיענטפערט—פרעגט מען ביא א בלינדען....

112) בעסער מאַכען.

פאר וואָס פיעל מענשען פארשליסען דיא טיהר בעת זייא מאכען א וויכטיגע זאך?

— ווייל פיעל מענשען האָבען א נאטור צו זאָגין — בעת זייא זעהען וויא יענער טהוט עפּעס: ניט מיר איך וועל דאָס בעסער מאַכען....

113) צוקראַצט דעם פּנים.

א בייזע שלעכטע פרויא האָט זיך אמאָל געצאנקט מיט איהר מאַן, האָט זיא זיך פון כעס צוקראַצט דעם פּנים און האָט געזאָגט:

— יעצט וועל איך זעהען וואו וועט ער מיך קושען?....

114) שפּיל וואָרט.

פון דער צייט וואָס מענשען האָבען געהאט צרות „פאר—דינה'ן", האָט מען היינט צרות איידער מען קען „פארדינען".

115) שוואַכע שפּירט.

איינער האָט זיך גוט אָנגעשיכור'ת ער איז געקומען בייא נאכט צום טויער, עס האָט שטארק גערעגענט, ער איז געפאלען אונטער דיא רינע פון דאך און דאָס רעגען־וואסער האָט זיך איהם געגאָסען איבער זיין פּנים.

גיין — האָט ער געשריען — א זעלבע שפּירט טרינק איך ניט!....

116) אַ גרויסער וואונדער.

אקליינ־שטעטילדיגער קרעמער איז געקומען אין ווארשא קויפען סחורה, ער האט אין א גרויסען מאגאזין איינגעקויפט אביסעל סחורה, בעצאָהלט, בעקומען א רעכנונג. דיא סחורה איז שוין פאר פאקט אונד ער שטעהט, קוקט אויף אללע פאליצעס, קוועצט מיט דיא פלייצעס.

— וואס וואונדערט איהר אייך אזוי שטארק? האט דער בעל הבית נעפרעגט.

— איך וואונדער מיך צו זעהן א שרעקליכען חידוש — האט דער סוחר'ל געזאגט, איך האב א קליינע קרעמעלע אין מיין שטאדט, בין איך א בעל חוב א שרעקליכע זאך, כמעט א גרעסערער וויפיל מיינע סחורה באטרעפט, טוא וויפיל זייט איהר שוין א בעל חוב, אז אין אייער קראם איז דא אזוי פיעל סחורה?......

117) רייכע מעבעל.

ווינטער אין א גרויסען פראסט לויפט אין פ"ב א שטודענט אונד טראגט אין האנד א שטעקען.

— וואס ברויכסט דוא א שטעקען, אין אזא גרויסען פראסט? — האט האט איהם זיינער א בעקאנטער געפרעגט:

— איך קלייב מיר דאס אריין אין א נייע וואהנונג, — האט דער שטודענט געענטפערט — טראג איך איבער מיינע גאנצע מעבעל אהין אי', מיין קווארטיר.

118) אַ נאַסע בעט.

א שכור'ער איז אריין געפאלען אין א בלאטע:

— אך א שלעכטע ווירטהין — האט ער געשריען — מיין בעט איז היינט ניט טרוקען......

119) טרוקען אין האַלדז.

— וואָס ברויכבן מיר אייער נייעם ספר ? — האָט א גביר געפרעגט א מחבר—איז דען ווייניג פאַר אונז די אַלטע ספרים ?

— פארשטייט איהר—האָט דער מחבר געענטפערט, פון די אַלטע ספרים מאַך איך קיילע מיין מאָגען......און עס ווערט מיר טרוקען אין האַלדז.

120) דער ליגנער.

א בעריהמטער ליגנער האָט ערצעהלט : דאס א שטומער האָט געזאָגט וויא דער בלינדער האָט געזעהן, דאס דער הינקעדיגער איז געלאָ־פען, האָט ער אָנגעהויבען שרייען, האָט דער טויבער דער הערט און ער האָט איהם קוים געכאַפּט.

121) דער אַנטוואָרט וויא די פראַגע.

— וויא געהט דיר ליעבער פריינד ? — האָט א בלינדער געפרעגט ביי א הינקעדיגען.

אָט וויא דו זעהסט !—האָט דער הינקעדיגער געענטפערט.

121) דער משוגענער.

— ניט אויס צו האַלטען פון אייערע קינדער — האָט דער שטאָדט גבאי געזאָגט צו א שניידער אַן׳עזות פנים -- א גאַנצען טאָג לויפען זייא נאָך דעם משוגע׳נעם און שעמען זיך גאָר ניט.

— איהר זייט אַליין שולדיג אין דעם האָט דער שניידער געענטפערט אז איהר האָט א פראָסטען שוסטער אָנגענומען פאַר דעם שטאָדט משו־געגעם דער פאַר האָבען די קינדער פאַר איהם קיין דרך ארץ......אָבער ווען איהר אַליין וואָלט די שטעלע אָנגענומען צו זיין דער שטאָדט משו־גע׳נער, פאַר אייך וואָלטען די קינדער געהאַט גרויס דרך ארץ......

122) השליך.

אנ'אלטער ניינציג יעהריגער מאן איז געלעגין אין בעט א פארטא־טערטער און האט געקרעכצט.

— וואס איז דיר פאטער? ווארום קרעכצסט דוא?—האט איהם זיין זאהן נעפרעגט.

— איך האב מיר פארמאכטערט נייענדיג צו תשליך — האט דער ניענטפערט.

—היינט איז דאך גאר ניט ראש השנה? ·האט דער זאהן נעפרעגט, היינט געהט מען דאך גאר ניט צו תשליך.

— איך האב מיך פערמאטערט נים היינט—האט דער אלטער גע־זאגט—נור דיא 90 מאל וואס איך בין נעגאנגען צו תשליך.

123) שלעכט גערעדט.

— דוא ביזט שוין לאנג א חתן? — האט איינער נעפרעגט ביא א קליין שטעדטיגען חתן—

— שוין באלד א יאהר ביז הונדערט מיט צוואנציג יאהר—האט דער חתן ניענטפערט.

124) אנ'עצה צום שלאפען.

וואס טוהט מען פאר א עצה איך זאל קענען שלאפען? — האט א גביר נעפרעגט.

— ליינט דעם קאפ אויף א קיסען—האט איהם איינער ניענטפערט, וועט איהר קענען שלאפען.

— שטייץ!—האט דער גביר געזאגט—אויף וואס דען לינט מיין קאפ? אייער סאפ—האט איהם יענער גיענטפערט—ליגט אויף שטיהעל. דער פאר קענט איהר נט שלאפען....

125) א האַלבע שעה משוגע.

א קלוגער שדכן איז אין כעס געוואָרען אויף א יונגען מאנן פאר וואס אויף יעדען שידוך וואס ער האט איהם גערעדט, האט יענער געפֿר־ נען א חסרון. דער שדכן האט איהם איבער גערעדט מיט אלע שטאָדטי־ גע מיידלאך און ער האט זייא אויס בראקירט, אויף יעדע האט ער געפונען א חסרון.

— נאָך איין מאָהל וועל איך פּרובירען אייך ריידען א שדוך,—האט דער שדכן געזאגט—א מיידעל, זיא איז רייך, שעהן, קלוג, געבילדעט, מיט נאָך פיעל מעלות, א גרויסע יחסן׳טע, איהר קענט איהר געווים, רבי שמעלקעס טאָכטער זיא איז דיא יורש׳תע......

— אַ !—האט דער חתן געזאגט — יעצט זייט איהר א מאלאדעץ! דער שדוך געפעלט מיר, נעהמט א ביסעל בראנפען, (דער שדכן האט גענומען) נעהמט פאר בייסט, (דער שדכן האט פארביסען), — זעהט איהר האט דער חתן געזאגט — אז איהר זייט קלוג בין איך גוט.... נור זאגט מיר האט איהר שוין מיט דיא כלה גערעדט? איז זיא צופרידען?

— היינט קען מען מיט איהר ניט ריידען, זיא איז פארדרייט מיט דיא ירושה.... נור איך מוז זאגען פריהער, דאס זיא האט א חסרון, א האַלבע שעה אין א יאהר ווערט זיא משוגע, און נאכדער ווערט זיא וויע־ דער קלאָהר.

— דאס איז א קליינער חסרון—האט דער חתן געזאגט—איין האַל־ בע שעה אין א יאהר איז ניט קיין געפאהר.

— גוט — האט דער שדכן געזאגט — מוז איך ווארטען אויף יענע האלבע שעה מיט איהר צו ריידען דעם שדוך מיט אייך, אין א קלאָרע צייט האב איך מורא זיא זאל מיר ניט אנזידלען און ארויס טרייבען פון איהר הויז......

126) אמעריקאנער אתרוגים.

איינער איז געקומען פון אמעריקא, האט ער דערציילט אז דארטען וואכסען אתרונים מיט דיא פיטום׳ס אראפ, ווייל אמעריקא איז אונטער דער ערד.

127) דער בעל חשבון.

דער זע׳ל׳בינער האט ערציילט; אז יום כפור האט ער מיטאג געגעסען בייא א מגיד פון א קלויז!

— וויא אזוי ועט א מגיד עסען אום יום כפור?—האט איינער איהם געפרעגט.

— גאנץ פשוט—האט יענער געענטפערט — דער מגיד איז פון דער ליטא, און ער איז א גרויסער בעל חשבון, האט ער אוים גערעכענט אז אין דער ליטא איז שוין נאך יום כפור......

128) אנעצה אין א נויטה.

א יונגער מגיד איז געקומען אין א שוהל זאגען דיא ערשטע דרשה אויף זיין לעבען. פון שרעק האט ער פארגעסען זיין דרשה, ער האט זיך אומגעקוקט הין און הער, ער האט געזעהן דאס דער „עולם" איז פול אי שול, האט ער באלה געפונען אנ׳עצה בעפרייט צו ווערען פון זיין אונגליק.

— רבותי! האט ער א געשרייא געגעבען—עס הערט זיך שמיילע־נעס, מיר דאכט זיך עס ברענט אין שטאדט.

דער גאנצער עולם האט זיך געלאזט לויפען, אין א פערטעל שעה צייט איז דיא שוהל ליידיג געווארען און דער מגיד איז אוועק געגאנגען איינהאלטען דיא דרשה......

129) א קלײנער מאַנען.

צו א קאַרגען גביר איז געקומען אַנ'אָרעמאַן בעטען איהם ער זאָל איהם נעהמען אויף שבת. בייא מיר האָט דער אָרעמאַן געזאָגט—איז דער מאָגען וויא א קינד פון 8 יאָהר. דער קאַרגער האָט זיך געלאָזט איינרייי־דען און ער האָט דעם אָרעמאַן געלאַדען אויף שבת. ביים טיש האָט דער אָרעמאַן געגעסען פאַר דרייא מענשען, דער קאַרגער האָט איהם גע־פרעגט: א מענש וואָס האָט א קלײנעם מאָגען וויא איין אַכט יעהריגער קינד וויא קאָן דאָס אַזוי פיעל עסען?

— איהר האָט מיר ניט פערשטאַנען — האָט דער אָרעמאַן געזאָגט איך האָב געמיינט אייך מודיע צו זיין אַז מיין מאָגען איז גרויס וויא דער גאַנצער אַכט יעהרינגער קינד.

130) שבת'דיגע קוגעל.

זאָנטאַג בייא טאָג איז געקומען אַנ'אָרעמאַן צו א קאַרגען גביר, און ער האָט געבעטען עסען.

— איהר וועט עסען שבת'דיגע קוגעל?—האָט דער קאַרגער געפרעגט דעם אָרעמאַן.

— וואָרום ניט?—האָט דער אָרעמאַן געזאָגט.

— אויב איהר האָט ליעב שבת'דיגע קוגעל וועט איהר אַזוי גוט זיין קומען צו מיר שבת וועט איהר געפינען קוגעל.... האָט דער גביר געזאָגט נאָר ניט דעם קומענדען שבת, ווייל מיר פאָהרען ארויס צו לאַנד וועלען מיר איצט קומען אין א פאָאר חדשים ארום.

131) דער שלעכטער פינטעל.

איינער האָט פיינד געהאַט זיך צו קורירען בייא דאָקטוירים, האָט מען איהם געפרעגט: עס שטעהט דאָך ורפא ירפא...האָט ער גיענט־פערט: אין אונזערע תפלות שטעהט רפאנו ה׳ ונרפא, אָהן פינטלעך, אבער אין ורפא ירפא שטעהט פינטלעך און איך האָב פיינד פינטלעך......

132) דער פיינקוכען.

א משרת בייא א נגיר האָט חתונה געהאַט מיט אנ׳אָרעמע מיידעל ויהי היום האָט ער צו איהר געזאָגט: איך פלעג זעהען וויא מיין בע״ב פלעגט עסען א פיינקוכען. טאָמער וועסט דוא פאַר מיר אויך מאַכען דעם מאכל?

— איך האָב קיין פוטער—האָט זיא געזאָגט.

— מאַך אָהן פוטער.

— איך האָב קיינע אייער—האָט זיא געזאָגט.

— מאַך אָהן אייער.

— איך האָב קיין ווייצענע מעהל—האָט זיא געזאָגט.

— מאַך מיט קאָרענע מעהל.

— איך האָב קיין סקאָוועראָדע (א באַק פאַן).

— מאַך אָהן א סקאָוועראָדע—האָט ער געזאָגט.

וואָס טהוט מען ניט צו ליעב א מאַנן?.....זיא האָט גענומען קאָ־רענע מעהל, פערמישט מיט וואסער, געליינט אויף הייסע קוילען באַקען. פון איין זייט איז פארברענט געוואָרען, פון דיא צווייטע זייט איז רויה גע־בליעבען, זיא האָט איהם דערלאַנגט ער האָט געגעסען און האָט געזאָגט: דער טייוועל ווייסט אין וואָסערע מאכלים דיא גבירים קאָכען זיך......מע־קען דאָך דאָס אין טייל ניט נעהמען....

133) אַנאַנדערע שפּייז.

איינער האָט געהאט א שלעכטע בייזע פרויא, זיא פלעגט פיינט האָבען צו געבען צדקה אנאָרעמאן. ויהי היום האָט איהר מאנן געבראכט אנאָרעמאן און האָט געזאָגט צו איהר: וואָס האָסט דוא אונז צו געבען מיטאָג עסען?

— איך האָב פאר אייך קריינק און יסורים.—האָט זיא געזאָגט מיט א גרויס בייזער.

— איינע עס דוא און דיא צווייטע גיב דעם אורח—האָט ער געזאָגט איך וועל פאר מיר געפינען אנ׳אנדער שפּייז......

134) זיך מישען אין אַ פרעמדען עסק.

פרייטאָג נאָך האלבען טאָג איז א רב אין א קליין שטעדטיל נעד־נעגאנגען אין באָד. אראָפּגייענדיג פון דיא פּאָלעס איז ער געוועזען זעהער צוהיטצט, איז ער ארויס געגאנגען אין צווייטען חדר וואו מען קיהלט זיך אָב. ער האָט זיך געזעטצט נאקעטערהייט אויף אשעפעלע קאלטע וואסער. איינער א לץ האָט גענומען א ריטעל ארויס געצויגען פון בעזעם, אבגעריסען דיא בלעטלען, און געגעבען דעם רב אשמיטץ איבערן נאקעטען ..... אז ער האָט דערלאנגט אַ שפּרונג פון שעפעלע, און האָט זיך אומגעקוקט זעהען ווער עס האָט איהם דעם שמיטץ געגעבען.

— האט קיין פאריבעל ניט רבי — האָט דער לץ געזאָגט — איך האב געמיינט אז דאס איז מיין דוד׳קע.

— און אז דוד׳קע — האָט דער רב געזאָגט — דארף מען געבען אזא שמיטץ?

— רבי! — האָט דער לץ גיענטפּערט — צו וואָס מישט איהר זיך זיך צווישען מיר און דוד׳קען? וואָס איז דאס אייער עסק?......

135) איבער א קליינקייט.

א רינסס מערבען האָט גענומען זיבען גילדען א זמן (האָם הייסט א האלב יאָהר), דיא גאנצע זעכס חדשים האט זיא געהארעוועט וויא אין טאצקעס.... סוף זמן האט דיא בעל הבית'טע זיך צובייזערט אויף איהר, האט זיא איהר געגעבען פינף קאפייקען און דעם רובעל האט זיא געזאגט וועט זיא איהר ניט געבען.

— דערלאנג אין סוד—האט איינער געזאגט צו דיא רינסמערבען, דוא וועסט געווים געווינען.

— איבער א רוביל—האט דאס רינססטמערבען גיענטפערט—לויגט ניט זיך בייז מאַכען מיט אבעל הביתט'ע....

136) דיא תורה.

א פריסטאוו איז געקומען אין א יודישען מנין וואס ער איז ניט געווען געמעלדעט, און האט צוגענומען דיא ספר תורה און האט דער־לאנגט אין סוד. דער סודיא איז געווען א גרויסער יודענפריינד, האט ער געזאגט: איידער יודען האבען מקבל געווען דיא תורה האט גאט אללע פעלקער געוואלט געבען דיא תורה נור זייא האבען ניט גענומען, וואס האסט דוא פריסטאוו יעצט מיישב געווען אזוי שפעט צו צונעהמען בייא זייא דיא תורה? היינט ביסט דוא מיט דיא יודישע תורה גאר קיין מחותן ניט....גיב זייא אב דוא ספר תורה צוריק....

137) וואָס טויג דיר אָהן קוליעס.

וואס לויפסטו אזוי פריח צו הויזע? — האט איין ארעמאן געפרעגט בייא דעם אנדערן.

איך לויף אהיים צוריק, איך האב דארטען פארגעסען מיינע קוליעס.

138) מען גנבת.

פאר וואס—האט איינער געפרענט—פערד קוילעט מען ניט און מע עסט זייא ניט, פאר וואס זיינען זייא וויינינער פאראן וויא אקסען וואס מען קוילעט זייא ?

— ווייל—האט איינער גיענטפערט—פערד ווערין גענגבת און פאר קויפט.

— דארף דאך אין יענעם ארט זיין פיעל פערד ?

— פארשטייסט דוא—האט יענער גיענטפערט — פון יענעם ארט גנבת מען אויך אוועק. וחוזר חלילה......

139) אַ קלוגער רב.

בייא א קלוגען רב האט מען געפרענט : עס שטעהט דאך אל תרבה שיחה עם אשה, פאר וואס רעדט איהר מיט וייבער ?

— עס איז בעסער צו ריידין מיט א אידענע—האט דער רב גיענט־פערט—און טראכטען אין נאט, איידער צו ריידין מיט גאט און טראכטען פון א אידענע....

140) דיא עדות.

איינער האט זיינעם א בעקאנטען אנגעקלאגט דאס ער האט בייא איהם ארויסגעננבת זיין אוהר.

— האט איהר עדות ?—האט דער סודיא געפרענט.

— איך האב צעהן עדות—האט דער קלעגער געזאגט.

— מיט וואס קענט איהר אייך פערטהיידינען ?—האט דער סודיא געפרענט דעם אנגעקלאגטען.

— גאנץ איינפאך—האט דער גנב געזאגט—אז צעהן מענשען האבען געזעהן וויא איך האב ארויס גענגבת, וואָרום האבען זייא מיר געלאזען גנבנען ?

דער גנב איז דאדורך בעפרייט געווארען.

141) אַ ריכטיגער בעווייז.

פאַר וואָס איז זומער הייס? — האָט איינער געפרעגט.

— ווייל ווינטער הייצט מען די אויווענס — האָט איהם איינער גע־ענטפערט — און אַ ריכטיגען בעווייז דער צו: זומער אַז מען הייצט ניט די אויווענס איז טאַקע ווינטער קאַלט......

142) טויזענד עדות.

— וואָס ענטפערסטו אויף די רייד פון די פינף עדות? — האָט דער שופט געפרעגט אַ גנב — זייא זאָגען דאָך אַז זייא האָבען אַליין געזעהן ווי דו האָסט געגנבת!

— מאַלע וואָס זייא זאָגען — האָט דער גנב געענטפערט — פינף מענ־שען זיינען דאָך ניט די גאַנצע וועלט, אָט וועל איך דיר ברייננגען טוי־זענד עדות וואָס האָס ניט געזעהן.

148) דער דאָקטאָר פהילאָזאָף.

אין אַ גרויסער שטאָדט איז געגאַנגען אַ קליין שטעטעלדיגע אידענע אויף דער גאַס, זיא איז געפאַלען און האָט זיך שטאַרק אָבגעשלאָגען איהר האַנד, זיא ניט אַקוק אויף אַ פאַראַדנע טהיר פון שטוב איז אויפגעשריבען דער נאָמען דאָקטאָר, איז זיא שנעל אַריינגעגאַנגען און האָט אָנגעפאַנ־גען שרייען הערר דאָקטאָר! גיט מיר אַ רפואה צו מיין האַנד, ראַטע־וועט מיך......

— איך בין קיין דאָקטאָר מעדיצין — האָט ער איהר געענטפערט — נור דאָקטאָר פהילאָזאָף!

— וואָס איז דאָס פאַר אַמן קריינק? — האָט די אידענע גע־פרעגט......

144) אין חעלם שלאָפּט מען.

א חעלמער האָט בעקומען א טעלעגראַמע בייא נאכט ער זאָלל למע"ה ארויסשיקען סהורה וואס יענער האָט נייטיג געהאַט. דער חעל־מער האָט גיענטפערט, באלד א בריף געשריבען: איך קאָן אייער בקשה ניט ממלא זיין, ווייל אין חעלם שלאָפּט מען!....

145) שאַדע דער שנעע.

אין חעלם *) איז ארויסגעפאלען דער ערשטער שנעע צו דיא ערשטע סליחות, דיא ראשי הקהל האָבען גערופען דעם שמש און האָבען איהם געזאָגט? ער זאָל זיין פאָרזיכטיג דעם שנעע ניט צוטרעטען......

— איך מוז דאָך אבער גֶעהן קלאפען צו סליחות האט דער שמש געפרעגט.

— מיר וועלען זאָגען דעם שבת־גוי (וואָס שבת פארלעשט ער אין שוהל דיא ליכט) ער זאָל דיר טראָגען אויף זיך......

146) גאַנץ שטאָדט לאָדענס אויף איין אָרט.

אין חעלם האָט דער שמש געלאָזט מאַכען אַנ'אסיפה, ער האָט פון זייא געבעטען מען זאָל איהם צו דיא סליחות צייט געבען נאָך איינעם א געהילף, און האָט געזאָגט א טעם ווייל ער פאַננט אָן צו קלאפען אין איין עק (ברעגן) שטאָדט, ביז ער קומט צו דיא צווייטע זייט שטאָדט ווערט שפּעט.

בייא דיא אסיפה איז געבליבען: מען זאָל פאר נאכט צוזאמענטראָ־גען אללע לאָדענס פון גאַנץ שטאָדט אויף איין אָרט און דער שמש זאָל שטעהן און קלאפען אויף איין אָרט אלע לאָדענס אויף איין מאָל.

---

*) דיא שטאָדט לייט פון חעלם האָבען זוכה געווען צו א גרויסען גאָמען אלע רופען זייא „חעלמער נאַראָנים" !....

147) דער חעלמער ארחעץ.

א רייזענדער איז אמאל געקומען אין חעלם און האט בעזוכט דעם בית המדרש האט ער געזעהן אויף דעם גרויסען אויווען שטעהט אויף גע־שריבען זה התנור (דיעזער אויווען) שייך (געהערט) לבית המדרש הגדול.

— צו וואס דארף מען דעם אויפשריפט ?—האט ער געפרעגט.

— טאמער וועט מען איהם אוועק גנבנען—האט איהם א חעלמער בעל הבית ניענטפערט.

148) דער רבי מיט דיא חסידים

עלטערע חסידים זיינען געזעסען בייא דעם רבי'ן אין קלויז און הא־בען גערעדט, פהילאזאפירט וועגען דיא וועלט, זייא האבען געפונען גרויסע פעלערין אין דיא גאנצע בריאה.

— ווען איך וואלט געוועזן גאט—האט איין חסיד געזאגט — וואלט איך געמאכט דאס אלע מענשען זאלען ווערען חסידים......

דער צווייטער חסיד האט געזאגט: ווען איך וואלט זיין גאט, וואלט איך געמאכט אין אללע טייכען זאלל זיין אנשטאט וואסער — בראנפען.

דער דריטער חסיד האט געזאגט: ווען איך וואלט געוועזן גאט, וואלט איך אריין געגעבען א גוטע מחשבה אלע מיליאנערין זייא זאללען זייער גאנצען פארמעגען אריין שיקען א פדיון אונזער רבי'ן ואלל לעבען.

דער רבי האט דאס געהערט, האט ער זיין טיהר גיעפינט און גע־זאגט: קינדערלעך! הערט מיר אויס, ווען איך וואלט געוועזן גאט, וואלט איך טאהן דיא זעלבע וואס גאט טוהט.

149) דער בעל מקובל.

אין חעלם איז געווען א רב וואס ער פלעגט האבען עסקים מיט שדים, ער האט געזאגט דאס ער קען ריידען מיט מלאכים. א פרעמדער יונגער מאנן האט געוואלט וויסען אויב דאס איז אמת. האט ער געמאכט א פראבע, ער האט זיך בעהאלטען אין שוהל—וואו דער רב פלעגט לער־נען דיא קבלה—אויף דעם געוועלב ארויפגעקראכען, געקוקט דורך דיא לאך וואס דיא שטריק פון היינגלייכטער איז ארי,נגעצוגען, ער האט געזעהען וויא דער רב לויפט ארום הין און חער, האט דער יונגער מאנן ארייגנע־שטעקט זיין מויל אין יענער לאך און האט געגעבען א געשרייא: יחזקאל! יחזקאל! איך מלאך פצפציאל רוף דיר.

— הנני!—האט דער רב גיענטפערט.

— טוה אויס דיינע שיך!—האט דער רב געהערט אקול פון אויבען.

דער רב האט אויסגעטאהן דיא שיך.

— געה ארויף צום ארון הקודש!

דער רב איז ארויפגעגאנגען.

— ציה זיך אויס אויף דער ערד!

דער רב האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, ער איז דארטען גע־לעגען אהיפשע צייט, נאכדעם האט ער געפרעגט: רבונו של עולם! אדער גוטער מלאך, וואס זאל איך יעטצט טאהן?

— יעטצט — האט דער רב געהערט א שטימע וויא עס וואלט גע־דונערט—יעטצט לייען דעם פסוק ישקני.....

פון גרויס שרעק איז ער אנטלאפען פון שוהל, און פון דענסט־מאל אן האט ער אוועקגעווארפען דיא קבלה און האט געלערנט גאנץ אנדערש....

150) א סימן מובהק.

אין חעלם האט מען א מאל געפונען א געהרג׳תן יודען, **חאט** מען איהם אריינגעטראגען אין „הקדש" און דער רב האט אויס גערופען אין שוהל מען זאל קומען זעהן דעם מת, טאמער וועט מען איהם ערקענען.

אין דעם זעלבען טאג איז געקומען א אידענע און האט געזאגט בדמעות שליש! רבי! דער געהרג׳תער איז מיין מאן.

— האסט דוא אויף איהם א סימן?

— יא, רבי, איך האב אויף איהם א סימן מובהק ער איז געווען א זאהיקער.

— דאס איז קיין סימן ניט—האט דער רב געזאגט—אין זאהיקע איז דא אויף דער וועלט?

151) א מאל און היינט.

— פאר וואס—האט איינער געפרעגט—פלעגט מען א מאל דרך קען יודישע ספרים מיט גרויסע גליונות און היינט מיט גאנץ קליינע גיליונות?

— ווייל—האט דער צווייטער גיענטפערט—א מאל האט מען פיעל געלערנט, און יעדער למדן פלעגט צו שרייבען הערות און חידושי תורה, היינט לערנט מען וועניג, מען שרייבט וועניג חידושים, צו וואס ברויכט מען דיא גרויסע גליונות?

152) דער צווייטער ראטהשילד.

— פאר וואס האסט דוא חתונה געהאט מיט אנ׳ארעמע בלינדע מיידעל,—האט איינער געפרעגט בייא אנ׳ארעמאן.

— וואס בייא אנ׳אנדערען איז א חסרון איז בייא מיר א מעלה — האט דער ארעמאן גיענטפערט—דורך איהרע בלינדע אויגען וועל איך זעהן פיעל נדבות, איך וועל דורך איהר מאסף ממון זיין און מיט דער צייט וועל איך ווערען א צווייטער ראטהשילד......

153) אַ בעל רחמים.

— און פאר וואס האסטו חתונה געהאט מיט א כלה אויף צווייא קוליעס ? — האט דער חבר נעפרעגט בייא יענעם ארעמאן.

— זעהסטו איך בין ניט דוא, — האט דער ארעמאן געזאגט—דאס ערשטע האב איך געהאט אויף איהר רחמנות, ווער וועט מיט אזא קיי־ליקע וועלען חתונה האבען. און צווייטענס פאר מיר איז בעסער א ווייב אויף צווייא קוליעס, ווייל זיא דארף א גאנצען טאג ארום געהן אין דיא הייזער, וואלט זיא מיט געזונדע פיס זיך באלד געווים איינמידען ארום צו געהען, אבער דיא קולעס וועט ניט שאדען, זייא וועלען זיך קיין מאל נים איינמידען.

154. האַלב אין דער עדר.

א לאנדאנער רעדאקטאר האט א מאל געררייזט, ער איז געקומען אין א קליינע שטעדטיל אין בעסאראביע. ער האט דארט געזעהן דעם ערשטען מאל אויף זיין לעבען א בלאטע ביז דיא קניא, האט ער געשריי־בען איז זיין בלאטט אונטער אלע אנטיקען וואס ער האט אויף זיין רייזע געזעהן, דאס ער האט אין רוסלאנד געפונען א געגענד וואס מענשען גע־הען האלב אין דער ערד און האלב אויף דער ערד.....

155. אַ תשובה פון אַ הויקער.

— דיר איז ווייניג וואס דוא האסט א הויקער, האסט דוא דער־וא גענומען א בלינדע ווייב ? — האט מען געפרעגט בייא אן ארע־מאן.

— אט דער פאר — האט דער ארעמאן גיענטפערט — האב איך גענומען א בלינדע ווייב זיא זאל מיין הויקער נים זעהן......

156) א ווייבערשע פרעטענזיע.

א מאנן האט א מאל גענעבען זיין ווייב געלד זיא זאל קויפען פאר איהם א פלעשיל ביער, זיא איז געגאנגען, געקויפט. טראגענדיג אהיים איז זיא געפאלען, צו בראכען דיא פלאש ביער און פארשטאכען א האנד. זיא איז אריינגעפאלען אין שטוב מיט א כעס, גענומען שילטען דעם מאנן מיט טויטע קללות, שרייען אויף איהם מיט משונה קולות.

— וואס בין איך שולדיג?—האט דער מאנן זיך געבעטען רחמים ותחנונים בייא איהר,—וואס תאסטו צו מיר?

— ער פרעגט נאך!—האט זיא געשריען—ווער דען איז שולדיג? דוא וואלסט מיר קיין געלד גענעבען, וואלט איך ניט געגאנגען און וואלט ניט געפאלען....

157) דרייא תירוצים.

בעת עס האט זיך אין חעלם ניעפינט מיראוואי־סוף, האט א אידענע אננעקלאגט איהר שכן׳תה אז זיא האט בייא איהר געליהען א טאפ א גאנצען און האט אבגעבראכט איין צובראכענעם.

דער סודיא האט געלאזט רופען דיא אנגעקלאגטע שכן׳תה, און האט איהר געפרעגט: וואס זאגט איהר? איז אמת וואס יענע אידענע קלאגט אויף אייך?

— אויף איהר בלבול — האט דיא אנגעקלאגטע גיענטפערט — האב איך דרייא תירוצים; איין תירוץ: איך האב בייא איהר קיין מאל ניט געליהען א טאפ......צווייטער תירוץ: דער טאפ איז פריהער אויך געוועזען צובראכען.... דריטער תירוץ: איך האב איהר אפ גינעגעבען א גאנצען.... דא אליין האט איהם נאכהער צובראכען.

158) אַ ריכטיגער ענטפער.

דער גאון רבי יונתן פראגער, איז געווען בעקאנט מיט דעם קעניג. אַ מאָל האָט דער קעניג געזעהן דאס רבי יונתן נעהט אויף דער גאס ניט וויא געוועהנליך, ער לויפט שנעל, דער קעניג האָט געשיקט זיינעם אַ דינער רופען רבי יונתן צו זיך און ער האָט איהם געפרעגט:

וואו הין געהסט דוא?

— איך וויים ניט! — האָט רבי יונתן גיענטפערט.

— דוא פארדיענסט אַ גרויסע שטראָף — האָט דער קעניג געזאָגט — דוא לאַכסט פון מיר, דען וועלכער מענש ווייסט ניט וואו הין ער געהט?

— חלילה! — האָט רבי יונתן גיענטפערט — איך לאַך ניט פון דיר, גרויסער קעניג, נור איך זאָג דיר דעם אמת, אָט זעהסט דוא דאָך, איך האָב געוואָלט געהן אין שוהל לערנען און איך בין געבראכט געוואָרען אין פאלאַטץ. ווען דוא, קעניג וואָלסט מיר געפרעגט: וואו הין איך וויל געהן, וואָלט איך דיר גיענטפערט: אין שוהל לערנען תורה.

דער ענטפער איז דעם קעניג געפעלען געוואָרען, ער האָט איהם דער פאר געשאָנקען אַ שעהנע מתנה, און ער האָט איהם אוועק געשיקט בשלום אַ היים.

159) אַ קלוגע אַנטוואָרט.

אויף אַנ׳עקזאמען האָט מען געפרעגט בייא אַ שילער וויפיעל איז 2 מיט 2?

— 40 — האָט דער שילער גיענטפערט.

— וויא אזוי קומט אוים גראדע 40?

— וויל צווייא מיט צווייא איז 4 און דיא פראגע איז אַ נאיל.. צחאַטען איז 40.

160) א מתנה.

א רבי איז א מאָל קראַנק געוואָרען, האבען זיינע חסידים איהם געשאָנקען יאָהרען, יעדער האָט אויפגעשריבען אויף א צעטעלע וויפיעל ער שיינקט פון זיינע יאָהרען דעם רבי׳ן. דעם צעטעל האָט מען אוועק געטראָגען צו דעם רבי׳ן ער זאָל זעהן וויא זיינע חסידים זיינען איהם געטרייא, דער רבי האָט געזעהן דאס זיין גבאי האט איהם דרייסיג יאָהר מיט דרייא שעה געשאָנקען.

— וואָס איז דאס פאר א חשבון? — האָט איהם דער רבי גע־פרעגט.

— א פראָסטער חשבון—האט דער גבאי גיענטפערט—דרייא שעה שיינק איך אייך פון מיינע יאהרען און דרייסיג יאהר שיינק איך אייך פון מיין ווייב׳ס יאהרען.

161) דיא אַלטע פריילין.

אנ׳אַלטע מיידעל איז א מאל גערופען געוואָרען אין מיראָוואַ־סוד אלס ציינערין.

וויא אַלט זיינט איהר, פריילין? — האָט דער סודיא געפרעגט; דיא מעדכען האָט זיך ערשראָקען, און זיא האט געשווינגען.

— איך פרעג דאך אייך וויא אַלט איהר זיינט?—האט דער סודיא ערנסט געפרעגט.

זיא האט ניט גיענטפערט, נור זיא איז רויט געוואָרען. דער מיראָוואי־סודיא האט באַלד פערשטאַנען פאר וואס זיא וויל ניט ענטפערן, האט ער צו איהר געזאגט: מיט אייער שווייגען מאכט איהר נאך ערגער, וויל וואס עס געדויערט לענגער ווערט איהר דאך עלטער......

162) ראָטשילדס מוטער.

גאדולא די מוטער פון ראָטשילד, האָט געלעבט זעהר לאנג, אין איהר ניינציגסטען יאָהר האָט זיא אנגעהויבען צו ווערען שוואך און קרייגקלעך, און האָט זיך געלאָזט קורירען פון א גרויסען דאָקטאָר, און עס וואר אלס ער האָט איהר קורירט אפּאָר חדשים, און זיא האָט זיך ניט געשפּירט בעסער, האָט זיא צו איהם געזאָגט „וויא איך זעה קריִרט איהר מיך נור עפּעס וויא איינע איינגעבילדעטע קראנקע, און איך בין אין דער ווירקליכקייט קראנק, „פערצייהען זיא מיר מאדאם“ האָט ער איהר גיענטפערט, „פון אלט קען מען ניט מאכען יונג“, ניין ליעבער הערר דאָקטאָר האָט זיא איהם גיענטפערט, „איך דיינק גאָר ניט דער פון דאס איך זאָל ווערין יונגער, איך וויל נור ווערין עלטער“.

163) דיא דרייערלייא הלואות.

עס זיינען דאָ דרייערלייא הלואות אין דער וועלט פון וועלכע מען דארף זיך היטען, איין אָרעמען מענשען זאָל מען ניט לייען קיין סך, א נגיד זאָל מען ניט לייען א קליינינגקייט און א ספר ביידען ניט.

164) ווען עסט דער מאַן גוט, ווען עסט דיא ווייב גוט ווען עסען ביידע גוט און ווען עסען ביידע שלעכט.

דיא ווייב עסט גוט ווען זיא ליעגט אין קינפּעט, דער מאן עסט גוט בעת ער זיצט אין סוכה, זייא ביידע עסען גוט, בשעת זייא זיינען בייא איינעם אנדערין אויף א שמחה, און ביידע עסין קדחת אויף זייערע איין איינענע שמחה.

165) אַ חאתש צו איין נעבורטס טאג.

איין נעוויסער אלטער מאַן וואָס וואר א גרויסער נביר פלעגט מאכען אלע יאהר איין גרויסען מאָלצייט אין זיין נעבורטס טאָג, און פלעגט ביים יעדעס מאָל זאָגען דאס ער איז מיט א יאָהר אייננער וויא פאר א יאהרען, דאהער האָט איהם זיין איידים ביים אַזוי איין מאָלצייט צו נעוואונשען „הלואי שווער זאָלען מיר זוכה זיין צו טרינקען אויף אייער בר מצות".

166) איינע שעהנע שולד בעצאַהלונג.

איין נעוויסער פּ:רשט וואס האט נעהאט איין אייזען פאבריק האט נעלאָזט זיך אויס בויען א מעכטינען פאלאץ, און צווייא אידען האבען איהם צו נעשטעלט דיא מאטעריאלען דערצו, און עס וואר אלס איינער פון זייא איז אריין נעקומען צו איהם בעטען ביים איהם נעלד, און האט איהם נעטראפען ביים איינער שלעכטען הומאָר (בייז) איז ער נעוואָרען אויף איהם אין כעס און האט אן נעחאפט איין שטיק אייזען וואס טען האָט איהם נעבראכט פון עם פאבריק, און האָט איהם דורך נעבראכען דיא ביינער און ארויסנעיאָגט פון שטוב, קוים איז ער ארויס האט איהם באנעגינט דער צווייטער איד וואס האט אויך נעוואלט ארייננעהן צו דעם פירסט אום נעלד צו בעטען, און האט איהם נעפרעגט צו האט ער וואס באקומען ביים איהם „קיין בארעס נעלד" האט ער איהם גיענטפערט נור אייזין, „גאנץ גוט" האט זיך דער אנדערער אָבנערופען, מיר וועט עס יעצט צוניץ קומען בעסער אלס נעלד, „נוא ווען אַזוי" האט איהם יענער גיענטפערט, קענסטו נעהן, דען דוא וועסט עס נעוויס בעקומען, נון איז ער אריין צו דעם פירסט און האט צו איהם נעזאגט „איך האב נעהערט דאס זייא צאהלען איהרע שולדען מיט אייזען, איך נעם עס אָן נערין". ווער האט עס דיר נעזאגט, האט דער פירסט נעפרעגט האלב בייז, „דער יודע וואס איז יעצט ארויס פון דיר האט עס מיר נעזאגט", האט איהם דער איד גיענטפערט, דער פירסט האט דיעזען שטאָף ווארט זייער גוט פערשטאנען און האט זייאביידען בעצאהלט מיט בארעס נעלד.

167) א גוטער אנטוואָרט,

עס וואר א קליין שטעדטעלע וואָס זיא האָט נעהאט אין זיך מעהר ניט ווי צעהן דערוואקסענע מענשען וואָס מען האָט פון זייא געקאָנט מאַכען א מנין, און דאָך האָבען זייא געהאט א שולכעלע מיט איין בית עולם דער ביי, איין מאָל איז דורך געפאָרין א רייזענדער וואָס האט דאָרט שבת גע־האַלטען און האָט זייא געפרעגט „וואצו דארפט איהר איין בית עולם מיט א שולכעל, מטח נפשך וועט איהר אלע אימער לעבען ברויכט איהר קיין בית עולם וועט איינער שטאַרבען דארפט איהר קיין שול, דען עס וועט קיין מנין בלייבין מיר דאַרפין עס פאר איין דורכרייזענדער, האָט איהם דער פרנס גיענטפערט.

168) א גרויסער טרייסט.

עס וואר א מאָל איין רייכער מאַן וואָס וואר א גרויסער נאר, און האָט זיך דאָך געהאלטען פאר זייער קלוג, איין מאָל האָט ער זיך דערפון אזוי ווייט ניקלעמט דאָס ער איז קראנק געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו ריידען פון וועג „אוי ווייא איז מיר" האָט זיך דיא ווייב אָבגערופען איך האָב מורא דאס ער האט דעם שכל פערלאָרן חלילה, „בעהיטע נאָט" האט זיך דער דאָקטאָר צו איהר אָבגערופען, „וויא קען א מענש פערלירען אזו אזאך וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געהאט, זאָגט בעסער ער איז משוגע געוואָרין".

169) איינע שעהנע איינלאַדונג צו אַ מאָלצייט.

איין געוויסער גרויסער גביר וואָס וואר איין פראָסטאַק האָט געמאַכט א גרויסען מאָלצייט אויף וועלכע עס ווארען געלאדען אלץ גרויסע לומדים און גרויסע חכמים, האָט ער לבד דיזע געלאדען צו זיך א פאָר פראָסטע נגידים, „איך בעט אייך קומט צו מיר" האָט ער געשריבען צו זייא אין בילעט, דען זאָגט וועל איך דאך ניט האָבען מיט וועמען א וואָרט אויס צו ריידן ביים דעם טיש.

170) דער ריכטער.

איין געוויסער ריכטער (דיין) האָט זיך געלאָזט בעשטעכען (משחד זיין) פון איין צד אין געריכטס הויז גופא, מען האָט איהם אריין גערוקט דאָרט אין האנד שטילערהייט אונטער דעם טיש פינף גרויסע מטבעות און ער האָט געפּסקעט וויא יענער האָט געוואָלט, קומענדיג אהיים אָבער האָט ער זיך ארום געזעהען דאס דיא פינף גרויסע מטבעות וואָרען נור פּיאטאַקעס „אוי, אוי", האָט ער זיך אָבגערופען „האָבען מיר דאָס היינט א פאַלשע וועלט א ביסעל".

171) אַ קלוגע תשובה פון אַ רב.

עס וואר א מאָל אין איין שטאָדט א גרויסער גביר וואָס איז נור רייך געוואָרען פון אונרעכטע רווחים, און וואר דערצו א גרויסער קאַרגער, נון האָט זיך איהם געטראָפען א סיבה אויף זיינע גאַנץ אַלטע יאהרען דאס ער איז געשטאָרבען, און חברה קדישה האָט פערלאַנגט קבורה געלד צוויי טויזענד דוקאַטען, דיא יורשים האָבען עס ניט געוואָלט געבען און האָבען עס אָנגעקלאָגט אין דעם קעניג, און ער האָט געלאָזט רופען באלד דעם רב צו זיך און האָט איהם געפרעגט, וואָרום פערלאַנגט מען פון דעם גביר אזוי פיעל קבורה געלד, „פערצייהען זייא אייערע קעניגליכע מאַיעס־טעט", האָט איהם דער רב גיענטפערט, אונזערע חכמים זאגען דאס דיא וואוכערער (פּראָצענטניקעס) וועלען ניט אויפשטעהן תחית המתים, נון וועט דאָך דיזער גביר וואס וואר נור איין וואוכערער בלייבען ליעגען אויף אונזער בית עולם אימער און אויביג, נון וועט ער זיין צוליעב איהם אליין שטענדיג פערנומען, און ער קאָסט אונז אליין קרן געלד לבד א טייער ארום מעהר אלס צוויי טויזענד דוקאַטען, דען ער איז אין רעכטען שטאָדט. דער קעניג האָט זיך פערוואונדער געלאַכט, און האָט געהייסן בעצאהלען ביז איין גראָשען.

172) אַ נייער נוסח אין צדוק הדין.

אין צדוק הדין שטעהען דיעזע ווערטער „ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך“ נון האָט זיך געמאַכט דאָס בייא איינעם איז געשטאָרבען איין עלטער פעטער וואָס וואר איין גרויסער גביר, און האָט איהם געמאַכט פאַר דעם יורש, און דערפאר וואר ער בייא דער לויה און אויך אויף דעם בית עולם און האָט געזאָגט צדוק הדין זייער פלייסיג. נור וויא עס איז געקומען צו יענע פאָריגע ווערטער, ה' נתן וה' לקח, האָט ער פארקערט געזאָגט ה' לקח וה' נתן, אווז דאן האָט שוין דער צו געפאַסט בעסער דער סוף, „יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם“.

173) דיא פראַגע פון איין קאַרגען.

איין גרויסער גביר אַ קאַרגער איז אַ מאָל קראַנק געוואָרען אויף אַ היץ קראַנקהייט, און עס וואר אלס דיא דאָקטוירים האָבען איהם אָב געזאָגט דאָס לעבען, דאָ האבען ווייב און קינדער אפעלירט צו גאָט, מען האָט געלאָזט תהלים זאָגען און מען האָט צו טהיילט פופציג רובעל צדקה, און גאָט האט געהאָלפען דען ער איז געבליעבען לעבען, און עס וואר אלס ער איז שוין רעכט געזונד געוואָרען, און האָט זיך אָנגעהויבען ארום צו זעהען זיין קאפּיטאל, און איז געוואר געוואָרען דאָס מען האָט צו טהיילט פופציג רובעל צדקה, איז ער געוואָרען בייז און האָט אָנגעהויבען צו שילטען דיא ווייב פאר וואָס זיא האָט עס צו געלאָזען, „האָב ניט צו טאָהן“, האבען זיך דיא קינדער צו איהם אָב גערופען, דוא האסט אונז אלליין געבעטען דאָס מען זאָלל פופציג רובעל צו טהיילען, „אזוי“ האָט ער זיך אָב גערופען, אזוי? אין אזא היץ בין איך עס געלעגען דאָס איך זאָל אַ זעלבעס חייסין“.

174) א גרויסער העלד.

איין נעוויסער יודע איז נעשטאנען דער בייא וויא איין אפיצער איז אראב נעפאלען פון א פערד „א שאנדע" ! האט זיך דער אידעל אב גע־רופען, אזוינס וואלט מיר שוין נים נעטראפען. ביסטו דאס אזי איין גרויסער רייטער" ? האט איהם דער אפיצער נעפרעגט, „ניין" האט איהם דער יודע ניענטפערט, נלאט איך וואלט גאר אויף דעם פערד נים ארויפגעקראכען.

175) איין בייסענדער אנטוואָרט.

אין איין נעוויסען טהעאטער וואר איין נעוויסער אקטיאר וואס האט נעהאט איין גרויסעס נעהאלט (שכירות) און וואר דאך גאנץ ארעם, און וויעדער וואר דארט אין דעם זעלבינען טהעאטער איינע אקטריסע וואס האט נעהאט איין קליינעם נעתאלט און וואר זייער רייך, איין מאל האט זיא איהם נעפרעגט, וואס איז דיא מעשה מיט אייך, איך האב איין פיעל קלענערעס נעהאלט אלס איהר האט, און דאך זייט איהר ארעם און איך בין רייך ? „ווייל וואס אייך מאכט רייך, מאכט מיר ארעם", האט ער איהר ניענטפערט.

176) דער פאַרוקענמאַכער.

איין נעוויסער פארוקענמאכער האט אויף נעהאנגען א שילד (סיין) איבער זיין טהיר אויף וועלכען עס ואר אויס נעמאלט וויא אבשלום רייט אויף זיין אייזעל און בלייבט היינגען מיט זיינע האר אן א בוים, און יואב שטעכט איהם, און אונטען וואר אונטער נעשריבען „וואלט ער אבער איין פארוק נעטראגען, וואלט ער נים נעהאנגען נעווארען".

177) א פרומער גנב.

איין געוויסער גנב וואס וואר זעהר פרום אין אללע אנדערע ענינים האט געפונען א מאל א בייטעל מיט געלד, קוים האט ער עס אויפגעהויבען, האט ער דערזעהן וויא עס געהט א אידעל דיא הענד פערבראכען זוכט און וויינט, „וואס האט איהר פערלארען״? האט ער איהם געפרעגט „איין בייטעל מיט געלד״ האט איהם יענער גיענטפערט, „איך האב עס געפונען״, נון זאגט מיר סימנים וועל איך אייך דאס אבגעבען, האט איהם דער גנב אבגיענטפערט, נון האט דער אידעל געזאגט סימנים, און עס וואר ריכטיג זיינע, און דער גנב האט איהם עס אבגעגעבען, און אלס דער אידעל האט איהם געוואלט שיינקען וואס דער פאר און ער האט ניט געוואלט נעהמען, האט ער איהם אריינגעבעטען אין א שיינק אויף א שנעפסיל, און דארט זיצענדיג מיט איהם צוזאמען האט ער ארויס גענאנבעט בייא איהם דיזעס בייטעל געלד, נון האט מען איהם אן גענומען און ער האט עס געמוזט אבגעבען, און אלס מען האט בייא איהם געפרעגט, שטייך וויא ביסט דוא דיך אלליין דער ווידער, פריהער טהוסט דוא אזוי א מצוה און דער נאך גאנבעסט דוא אליין ארויס „דאס איז נאר צווייא זאכען״, האט ער גיענטפערט, השבת אבידה איז א מצוה, נון האב איך איהר געטאהן וויא איך טוה אלע מצות, גניבה אבער איז מיין פרנסה, און א פרנסה אן גניבה האב איך דער ווילע ניט געזעהן.

178) דער קדיש זאגער.

בייא איינעם איז געשטארבען זיין פאטער, האט ער אבגעהיט דעם קדיש זייער פינקטליך, דער נאך אלס דיא מוטער איזט געשטארבען האט ער נאר קיין קדיש געזאגט ,און אלסמען האט איהם דאריבער געפרעגט, האט ער גיענטפערט, זייא פלעגען זיך בחייהם ניט הויזען איינער מיט דעם אנדערן, און פלעגען זיך אונטער צו שלאגען אויך אפטער, דאהער וויל איך ניט האבען דאס זייא זאלען דארט בייא זאמען זיין אין גן עדן, און מאכען דארט אויך לייטישע געלעכטער.

179) אין בעל העגלת.

אין בעל העגלה האט זיך א מאל בעדיהמט דאס ער האט א מאל איבער געפיהרט אסך קוילין (באמבעס) פון איין פעסטונג אין דעם אנדערן און וויא ער פלעגט צו קומען אין א בלאטע וואס דיא פערד האבען ניט געקענט שלעפין דעם וואגען, פלעגט ער אלע מאל איינינע באמבעס ארונטער ווארפען, און אלס מען האט איהם געפרעגט, וויא האסט דוא געטאהן בייא דעם איבער געבען, עס האט דאך געפעלט צום וואג, איי איך בין אויך קיין נאר ניט, מיינער האט עס אויך געוואוסט, און האב זיך שוין פריהער פערזארגט, דען בשעת דער אפיצער האט מיר דיא באמבעס צו געוואויגען און דיא סאלדאטען האבען אן געהויבען צו פאקעווען אין מיין וואגען האב איך אפשר מעהר אלס דרייסיג שטיק צו געווארפען איבערינג דאמיט איך זאל האבען וואס ארונטער צו ווארפען.

180) אַ קייזער איז זעהר טהייער.

דער אלטער דייטשער קייזער איז א מאל געגאנגען ציווילען (פארקליידעט) שפאצירען אויף דעם בולוואר, א פרויא א יונגע א שעהנע און א קלוגע האט פארבייא געטראגען צינדהעלצער צו פערקויפען.

— הערען זיא פרוי ! — האט דער קייזער צו איהר געזאגט — געבען זיא מיר א פעקכען צינדהעלצער.

דיא פרויא האט איהם העפליך געגעבען.

— וויפיעל קאסטעט דער פעקבע ?

— הונדערט מארק — האט דיא פרויא גיענטפערט.

דער קייזער האט זייער בעוואונדערט און האט געפרעגט : איז היער אין בערלין זא טהייער צינדהעלצער ?

ניין ! — האט דיא פרויא גיענטפערט — צינדהעלצער זיינען בייא אונז זעהר בילינ נור א קייזער איז זעהר טהייער. איהר אנטווארט איז דעם קייזער זעהר געפעלען געווען און ער האט איהר מוסיף געווען איין נול, דאס הייסט ער האט איהר טויזענד מארק געשאנקען.

[library stamp, illegible]

נייע ביכער פון אונזער פערלאג

דיא קאמעליען-דאמע	פון אלכסנדר דיומא (זוהן)	פרייז 80	סענט.
שיילאָק	〃 וויליאם שעקספיער	〃 15	〃
נתן דער חכם	〃 לעססינג	〃 10	〃
נאנא	〃 עמיל זאלא	〃 85	〃
פון חופה צום קבר	〃 〃 〃	〃 10	〃
דיא פליה מאשין	〃 זשול ווערן	〃 10	〃
דאָקטאָר און צויבערער	〃 א. טאנענבוים	〃 10	〃
דיא שווארצע קונסט	〃 〃 〃	〃 10	〃
דיא אידישע פרילבי	〃 נאָך דע מאריער פון טאנענבוים	〃 10	〃
דיא טאקסע	〃 ש"י אבראמאָוויטץ	〃 15	〃
ברוך שפינאָזא	〃 בערטהאָלד אויערבאך	〃 20	〃
דיא אידישע קרבנות	〃 מארדאווצעוו	〃 15	〃
לעבענס בעשרייבונג פון באראָן און באראָנעסע הירש		〃 05	〃
תחית המתים	〃 דאָקטאָר מאקס נאָרדאו	〃 05	〃
לא תרצח	〃 א. ה. פריינקעל	〃 10	〃
א שפיטצעל פון א פורים שפיעלער	א. מ. שארקאנסקי	〃 05	〃
אמעריקאנישע הגדה	〃 〃 〃	〃 05	〃
פסח אין שניפעשאָק	ב. גאָרין	〃 05	〃
וויצען פון קאָרט, אידישע וויצען		〃 05	〃

דיא אלע פרייזען זיינען אויסער פארטא.

ענגליש-ענגלישע ווערטערביכער.

וועבסטערס ענגליש-ענגלישעס דיקשאנערי (ווערטערבוך) ענטהאלטעט 1442 זייטען מיט 1500 איקוסטראציאָנען, **פיין** נעבונדען, אָריגינעלע אויסגאבע	75
וועבסטערס אקאדעמיק דיקשאנערי, סקוהל אויסגאבע, זעהר שעהן געדרוקט אויף גוטעס פאפיר מיט פיינע אילוס-טראציאָנען און עקסטרא שעהן געבונדען	$1.50
וועבסטערס האי סקוהל דיקשאנערי „	98
וועבסטערס קאָממאָן סקוהל דיקשאנערי „	72
וועבסטערס פאקעט דיקשאנערי „	15
וועבסטערס וו סט פאקעט דיקשאנערי, ליינוואנד בונד	25
דיטא לעדער בונד	45
דיא אמעריקאן דיימאנד דיקשאנערי, שעהן געבונדען	25

רידערס.

אפפלטאנס, בארנעס, הארפערס, הארווים, מאקגאפפים,
סווינטאנס, מאנראעס, סאנדערס,
פון דיא ערסטע ביז דיא העכסטע קלאסע.

„אריפמעטיק׳ס“ אללער האנד סאָרטען.

„בוקקיפינג“ פון דיא גרעסטע עקספערטען.

„געאָגראפיע“ פון דיא בעסטע פּערפאָסער.

„דיקשאָנערים“ פון דיא קלענסטע ביז דיא גרעסטע.

„היסטאָריע׳ס“ געשריעבען פון דיא גרעסטע היסטאָריקער.

„בריעפשטעלערס“ ענגלישע, דייטשע, און דייטש-ענגלישע

ענגלישע קאפיבוקס צו ערלערנען איינע שעהנע ענגלישע האנדשריפט.

העברעאיש-ענגליש.

העברעאיש־ענגלישער ווערטערבוך, געדרוקט אין לאָנדאָן, פערפאַסט פון מ. ה. ברעסלוי, ענטהאלטעט 674 זייטען זעהר שעהן געדרוקט און עקסטרא פיין געבונדען....$2.50

דיטאָ ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך 282 זייטען „ $1.25

העברעאישע גראַמאַטיק אין ענגליש און העברעאיש, פון מ. ה. ברעסלוי....................................65

רוסיש-ענגליש.

אלעקסאנדראָוו׳ס ענגליש־רוסישעס ווערטערבוך, בראָשירט $3.50

דיטאָ גוט געבונדען....................................$4.00

אלעקסאנדראָוו׳ס רוסיש-ענגלישעס ווערטערבוך..........$3.50

ענגליש-רוסישעס, און רוסיש-ענגלישעס לייפּציגער טאַשען ווערטערבוך..$1.25

נוראַק׳ס מעטהאָדע פיר רוסיישע, צו ערלערנען דיא ענגלישע שפּראַכע אָהן א לעהרער..............................$1.00

דיטאָ שעהן געבונדען אין ליינוואַנד......................$1.20

פורמאַן׳ס סאַמאָאוטשיטעל, צו ערלערנען פון רוסיש דיא ענגלישע שפּראַכע....................................50

פּאָלניש-ענגליש.

פּאָלניש־ענגלישעס און ענגליש-פּאָלנישעס ווערטערבוך.....$3.00

פּאָלניש-ענגליש מעטהאָדע, צו ערלערנען פון פּאָלניש דיא ענגלישע שפּראַכע..40

דייטש-ענגליש.

דר' קאהלערס דייטש־ענגלישעס, און ענגליש־דייטשעס ווער־
טערבוך, 1263 זייטען............................$2.00
דיטא טאשען ווערטערבוך, 689 זייטען.................55
צאהנערס ווערטערבוך, ענגליש־דייטש, און דייטש־ענגליש..75
דיטא טאשען ווערטערבוך...........................45
וועסעלים ווערטערבוך, דער ענגלישען און דייטשען שפראכען 80
זיקס וועסט טאשען ווערטערבוך, ענגליש־דייטש, און דייטש־
ענגליש..50
דר' אהנס אמעריקאנישער דאלמעטשער פיר דייטשע, צו ער־
לערנען דיא ענגלישע שפראכע אהנע לעהרער...........45
דר' אהנס מעטהאָדע פיר ענגלישע צו ערלערנען דיא דייטשע
שפראכע...65
ערסטעס לעזע און לעהר בוך פיר דייטשע שולען צו ערלערנען
רעדען, לעזען און שרייבען דיא דייטשע שפראכע, פון
הערמאן רעסעלט..................................30
דייטש פיר אנפאנגער, א קליינעס לעהרבוך פיר אידען צו
ערלערנען דיא דייטשע שפראכע......................05

אויך פערשיעדענע דייטשע לעזע ביכער, פון דיא ערסטע ביז דיא העכסטע קלאסע צו ערלערנען שטופענווייז גרינדליך דיא דייטשע שפראכע.

דער גרעסטער איסוואהל פון

רעקלאמס, אוניווערזאל ביבליאָטהעק

3650 פערשיעדענע איינצעלנע ווערקע אים דייטשען,

שעהן געדרוקט און עלעגאנט בראָשירט, 7 סענט יעדעס בענדכען,

צוםביישפיעל

דיא רויבער פאָן שיללער 7 סענט,

אויך אלע שיללער׳ס איינצעלנע ווערקע 7 סענט א שטיק,

האמלעט פאָן שעקספּיער 7 סענט,

פויסט פאן געטהע, דאָפּפעל בענדכען, 14 סענט,

נאטהאן דער ווייזע פאן לעססינג 7 סענט, א. ז. וו.

זאָלכע ווערקע גיבט עס 3650 פערשידענע, פון דיא בעריהמטעסטע דייטשע, ענגלישע, פראנצויזישע, רוסישע, איטאליענישע, נאָרדישע אונד רעמישע ליטעראטור, זאָ וויא:

איבסען׳ס, בערנע׳ס, געטהע׳ס, דאַרווין׳ס, הויפּט׳ ווי(קטער׳ס, זאפיר׳ס, חערוביני׳ס, טאָלסטאי׳ס, יאהנ׳ס, כאמיססיא׳ס, לעססינג׳ס, מענדעל-זאהנ׳ס, נעסטראו׳ס, סקאט׳ס, עליאט׳ס, פושקינ׳ס, צשאקע׳ס, קערנער׳ס, רוססא׳ס, שפינאזא׳ס, תורגעניעוו׳ס,

און נאָך פיעלע און פיעלע פון אנדערע פערפאססער.

COLLECTION

OF ORIGINAL

JOKES

BY

MOTKE CHABAD.

BROOKLYN, NEW YORK.

THE HEBREW PUBLISHING CO.

122-128 LEONARD STREET.

1902